STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11334

DER OPGRUNT ROYSHT

Guta Guterman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גוטע גוטערמאן

דער אפגרונט רוישט

לידער

פארלאג „יידיש־בוך“

לאדזש • 1948

הילע געצייכנט פון הענריק העכטקאָפף

G u t a   G u t e r m a n
„Der opgrunt rojszt“
poezje

Wyd. „Idisz-Buch“ przy CKŻP.
Łódź — 1948

*   *
*

„דער אפגרונט רויסט“ איז דאָס ערשטע לידער־בוך פון דער דיכטערין גוטע גוטערמאַן. גוטע גוטערמאַן האָט דעביוטירט אין סוף פון די דרייסיקער יאָרן, און שוין אין אירע ערשטע לידער האָט מען געקאָנט זען, אַז עס איז געקומען צו אונדז אַ מענטש מיט אַ פיל געמיט, דער טאָן פון איר ליד איז באַלד פון אָנהויב געווען אַ געהעמטער, דאָס וואָרט אינערלעך אָנגע־לאָדן. זעלטן־ווען האָט דאָרט אָפן אַ שיין געטאָן די זון, און אויב דאָס איז שוין געשען, איז דאָס געווען אין איר שקיעה.

גוטע גוטערמאַן איז געקומען פון אַן אַרבעטער־סביבה, און אירע לידער האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן אין דער צייט פון סאַמע שטיקנדיקסטער רעאַקציע אינעם פאַרמלחמה־דיקן פוילן. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך דער אומעט, וואָס ליגט זיך ווי אַ וואָלקן־שאָטן אויף אירע ערשטע לירישע לידער.

דער מלחמה־קאַטאַקליזם, וואָס האָט די דיכטערין אָוועק־געשלעפט פון אירע נאָנטסטע, האָט מיטגעווירקט נאָך מער צו פאַרטיפן איר דעמער־שטימונג און האָט איבערגעריסן אויף אַ לענגערע צייט די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג און דאָס אויסקלאָרן זיך פון איר דיכטעריש וואָרט. נישט צופעליק רייסט זיך ארויס אין איינעם פון אירע לידער דאָס געשריי:

„איך פאַר קלאָרקייט וואָלט מיין האַרץ
צעריסן אויף שטיקלעך“

אַ גרויסער טייל פון די לידער איז געווידמעט דעם חורבן. אין אַט די לידער דערגרייכט גוטע גוטערמאַן אָפטמאָל צו עב־

טער פאַנטישער וויזיאָנערישקייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט איר איינגעבוירענע נייגונג צו זען טונ־קעלע פאַרבן. גוטע גוטערמאַן אַליין דעקלאַרירט, אַז:

„נאָר איך מיט מיין ליד,
איך געהער דעם פאַרשניטענעם דור״.

דאָס ליד פון גוטע גוטערמאַן גייט פון אַ גוטער טראַדיציע. מען פילט דאָרט דעם צניעותדיקן נוסח פון מרים אולינאָווער און אויך דאָס אַנגעלאָדענע און אומצופרידענע געמיט פון אונ־דזער י. ל. פּרץ. איר ליד איז אויך דאָס ליד פונעם פּוילישן ייד. יידיש איז דער נוסח, און פּויליש איז דער בוים, דער וואָלקן; יידיש איז דאָס געמיט, און פּויליש איז די לאַנדשאַפט.

דאָס ערשטע לידער־בוך פון גוטע גוטערמאַן דערשיינט אינעם נײַ־אויפגעלעבטן פּוילן. דאָ האָט גוטע גוטערמאַן באַקו־מען אָרט און רוים אויף אויסצוזינגען איר ליד, און פון דאַנען, דורך די טויזנטער און טויזנטער לייענער, וועט איר ליד — דאָס האַרציקע, פּשוטע און מענטשלעכע ליד — אַוועק איבער גאָר דער וועלט.

בינעם העלער

דער אַפּגרונט רוישט

אַ בריוו צום טאַטן

איך זע: דו וויגסט זיך איבער דעם חומש און רש״י.
דיין באָרד איז אין אַש פון ירמיהו הנביא געטונקען.
ס'איז פּסח אַצינדער,
דו פרעגסט און פאַרענטפערסט אַליין די קשיות,
דער מרור איז ביטער, צעקייסט ביזן סוף אים,
און ווען אָנגעלענט דו דרעמלסט איין מיד,
די מצה גייט בלענדנדיק אויף פאַר דיין אויג
ווי אַ וווּנדער.

דורך אַ פאָרהאַנג פון טרערן באַווייזט זיך דער שבת פאַר דיר —
דיין קאַפּאָטע, פאַרגאַרטלט מיט אַ לאַנגן שנור יאָרן פון גלות,
ציט אַראָפּ צו דער ערד דיינע פּאָלעס.
מיט אַ בליק אויפן ליידיקן כוס ביסטו יוצא.
און דיר פעלט נישט קיין סך, דיר פעלט אַ כזית,
איבער וואָס נאָר צו מאַכן המוציא.

אַלע טאָג
אויף דיין אַלפּאַגן כאַלאַט
גליט פון האַס אַ צעצונדענע לאַטע.
אין בית־המדרש צו גיין האָסטו מורא —
צינדט די שקיעה ביים פענצטער דיר אָן אַ מנורה.
פאַרבראַכן די הענט צו שמונה־עשרה
צעוואַקלט דיין שאָטן די טונקעלע ווענט פון דער דירה.

קאָן זיין: אפשר טראַכסטו פון מיר איצט? —
דו האָסט מיך פאַרשפּאַרט אויפן שלאָס,
ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד,
און אין שטוב האָסטו מיך איינגעהאַלטן,
ווי דעם ווינט...

אַ ווינט קומט אַ סך מאָל צוריק אויף דורכזיכטיקע פליגל
געטראָגן —
צי וועט מיך דער גורל פאַרפירן צוריק, כדי אויף דיין קבר צו
קלאָגן?

טאַטע,
מיין בליק, וואָס געוואָגלט האָט לאַנג איבער שטיינער,
האָב איך איצטער צום הימל פאַרריסן
און איך זע נישט דאָרט קיינעם,
בלויז שטאָלענע פייגל מיט זון און מיט שטערן זיך גריסן.
אויך דער זיפץ פון דיין האַרץ דעם צעווייטיקטן
וואָלט צעשוומען אין לופט דער באַפרייטער,
ווען קומסט דאָ אַהער.

נאָר צי איז דען מעגלעך אַ דערמבענעם שטאָם איבערפלאַנצן?
צי איז דען מעגלעך דיין אַלטע קאַפּאָטע אויפסניי איבערשניידן
איינגאַנצן?
דיין האַנט איז איינגעקלעמט אין רצועות מיט תפילין
און ציט זיך אַלץ עמעצן בענטשן.
דו רופסט שמע־ישראל! איבערן תהום פון געפאַלענע מענטשן.
נאָר אין שרעק האָסט דאָס האַרץ נישט פאַרלוירן.
כ'זע: דו שפּרייזט דורך די פלאַמען צעשמייכלט,
געהאַלדזט מיט דיין ספר־תורה.

דיין שמייכל וועט קיין פרייד אין מיין האַרץ שוין נישט לאָזן געבוירן.

עס וועלן די האָר אויף דיין קאָפּ שוין קיין שוואַרצע צוריק מער נישט ווערן.

דאָס קאָן נאָר אין חלום געשען, אָבער נישט אויף דער וואָר.

באָברויסק, אין אפּריל, ס'איינאונפערציקסטע יאָר.

וואָגל-ליד

דורך בריקן פון יאָרטויזנטער, באַשיט מיט שטויב און פייער,
מיר וואַנדערן, מיר וואָגלען נאָך פון לאַנד מצרים.

מיר פאַרזעצן עפּלביימער און פאַרלאָזן זיי אין צוויט,
תבואות קלינגען הינטער אונדז, געבויגענע צום שניט.

מיר בויען זון-געצעלטן מיט בלומען-בייטן הינטער פענצטער
און צעטרעטן זיי, אַנטלויפנדיק ווי נאַכט-געשפּענסטער.

ניטאָ דער „פייערדיקער זייל“ און ניטאָ דער „וואָלקנדיקער זייל“
קוילן-עכאָס באַגלייטן אונדז פון מייל צו מייל.

אויף ווילדן גראָז פון קיינעמס פעלד ווילן מידע קני זיך זעצן,
מיר פאַלן אין דער פינצטער איבער גרענעץ - קלעצער.

אונדזער האַרץ שווימט אום צעפּיצלט איבער אַלע ימען
און בלוטיקט אויפן הימל אין די מזרח-פלאַמען.

דער אָפּגרונט רוישט. מיר קוקן איין און זעען זיך אין דער טיף,
וואָלקנס זאַפּן איין דעם רוף פון אונדזער וואָגל - שיף.

יעדן טאָג מיר וויגן איין מיט טרערן אונדזערע קינדער:
מאָרגן, אפשר מאָרגן וועט געשען א וווּנדער.

און אין צפון גייען אויף די טעג פאַרנעפּלט, גרוי און בייז,
און אויף מערב-זייט ברענט אויס די שרפה פון אונדזער הויז.

1939—1945

ווי אַ היימלאָזער הונט

ווי א היימלאָזער הונט,
לויפט דער ווינט
פון טויער צו טויער,
און עס טוליעט זיך אַ שטיין צו א שטיין.
און מיך באַגלייט אַ פרייד א בלויע
אין שטוב אריין.
ס'האָט אַ וואָלקן אַדורכגעזיפּט עטלעכע שטראַלן,
טראָג איך זיי, ווי אַ שלייף, אין די האָר.
אויף יענער זייט שוועל פון מיין היים דער נייער,
איבער חורבות, שפּאַנט די וואָר.
פון צווישן די ציגל
האָט א בלימל אַ שטילם מיך פאַרפירט
אין אַ פאַרביקן טרוים.
און זאָלן דאָרט ווינטן זיך רייסן און בילן
אין צווייגן פון הארבסטיקן בוים.
מיין בעט ווי א גיאַניע אין ווייסן, אַ טרייסטערין,
רופט מיך צו זיך אויף דער שויס.
דאָס פייער פאַריאָגט מיט רויטע בייטשן
די וויסטקייט פון אויוון אַרויס.
עס פינקלט דאָס צימער אין שפּיגל־באַסיין,
עס שווימט מיר אַנטקעגן די רו.
פון מיינע אויגן פליט אָפּ א טשאַטע ראָבן —
א טשאַטע פאַרגאַנגענע יאָר.

ווי א היימלאָזער הונט,
לויפט דער ווינט
פון טויער צו טויער,

און עס טוליעט זיך א שטיין צו א שטיין.
דער טאָג, ווי א קאַץ מיט אויגן גרויע,
ווײנט אין מיין פענצטער אריין.
דורך דער וואנט זינגט א שכנה בעתן באָדן
איר נייגעבוירן קינד.
דער רעגן קלינגט און קלאפּט אין א לאָדן,
און געסטן ווערן פאַרטראָגן פון ווינט.
ער שיפט זיך אין טייכן, שפּרינגט איבער פּלויטן,
חלומט פון שרפות און פלאַמען,
טראָגט ארום אויף פארסמאליעטע צונגען ס׳געשריי
פון מיין ברענענדיקע טאטע - מאמע.
דעם פלאמיקן ווינט האָב איך ווידער דערקענט —
ס׳איז דער גילגול פון זייער געשריי.
פלאמט אויף יעדע ברעט אויפן דיל,
עס פלאמען די ווענט,
און איך מיט זיי.
ווען עס לעשט זיך אויס דער לעצטער פונק,
און די פינצטערניש הייבט אָן צו וואקסן,
פליט אָן די משאטע פארגאנגענע יאָר
און זעצט זיך אויף מיינע אקסלען.

לאָדזש 1947

הענג נישט אויף קיין גאַרדינען

הענג נישט אויף פאַר דער שויב קיין גאַרדינען —
צו דעם ליכט אַ דורכזיכטיקער צוים,
מיט דעם שפּינוועבס אויפסניי צו פאַרשפּינען
די שטילקייט, די היים, דעם טרוים.

דער בוים מיט דער זון דורכגעהעלט
מיג צעהענגען גאַרדינען פון בעז
פאַר צעהוליעטע פייגל־קאַפּעליעס,
וואָס באַזינגען די רו פון אַ געסט.

וויפל דילן מיין טריט האָט געוואַרעמט
און גאַרדינען פאַרשפּיליעט — די הענט,
און די געסט איז נאָך אַלץ נישט דערוואַרעמט
און איך געכטיק נאָך אַלץ אין דער פרעמד.

צו אַ פרײַנט

— דו פרעגסט:
פאַרוואָס פיר איך מײַן ליד אַהין צו יענע טעג,
ווען אין לאַנד האָט געטאַפּטשעט דער טויט. —

דער זומער וועט סײַ־ווי־סײַ לויכטן מיט ברויט
און צעזונגענעם קאָרן.
אין ראָד פון צעשטערנטן וואָגן
וועט אײביק זיך דרייען די נאַכט.
מיט ליכט און מיט נעפּלען, מיט וואָלקנס
וועט שטורעמען אײביק די צײַט.
נאָך איידער דער רעגן וועט פאַלן,
וועט שטײַגן דער בויער
אַרויף צום צעבראָכענעם דאַך.
דער פרילינג וועט פירן אין פעלדער דעם פויער,
די האַנט צום פאַרזײ אויסגעשפּרייט.
און יידישע מענער,
וואָס האָבן די פינצטערניש אויס
פון די שאַכטעס אין פוילן,
וועלן די ערד איבערברענען
מיט פונקען פון גלויבן.

נאָר איך מיט מײַן ליד,
איך געהער דעם פאַרשניטענעם דור:
אויף מיר וואַרט אין שאָטן פון ביימער,
אַנידערגעקניט פאַרן ווינט,
אַ מאַמע
מיט אַ שוואַרצער, פאַרטרוקנטער וווּנד אין האַרץ.
אויף מיר וואַרט מײַן ברודער, דער קלענער,

װאָס לױפֿט מיט אַ דאַר שטיקל ברױט,
אײַנגעדעקט אין געגנבֿעטע שטראַלן.
עס זײַנען אים דײַטשן באַפֿאַלן,
געריסן די קלײדער, געריסן די הױט,
געטױט.

מיך רופֿט דאָס געשרײ פֿון אַן עדה
געשטופּט מיטן שפּיץ פֿון באַגנעט
צו דער שחיטה.
דאָס געשרײ רײַסט מיך אױף פֿון בײַנאַכטיקן שלאָף.
איך זיץ אױפֿן בעט,
געבײלט איז מײַן האַנט,
און ס'הילכט יעדער קלאַפּ אין דער טונקעלער װאַנט:
גײט נישט! גײט נישט! —
און ס'שטראָמען אַנטקעגן מיר שאָטנס
פֿון װעלדער, פֿון שטעט און פֿון בריקן
און בעטן, און רופֿן, און מאָנען:
גיב כאָטש אין דײַן ליד אונז אַ תּיקון.

לאָדזש, 1947.

אויפן פרייען פעלד

ס'האָבן זאַנגען אַמאָל דאָ געבוואַליעט, און היינט
קוים מענטשלעכע ביינער איז דאָס פעלד דאָ פאַרזייט.

עס וואַלגערט אין שטויב זיך אַן עלנטער ביין.
עס שטשירעט אַ שאַרבן צום הימל די ציין.

אַ האַריקער קאָפּ פרעגט מיט פינצטערע בליקן:
ווער האָט אונז פאַרשאָלטן? ווו איז אונזער תיקון?

פאַרוואָס האָט איר ס'פּנים פון אונז אָפּגעקערט —
פאַרוואָס נישט באַשערט אונז די קילקייט פון ערד?

עס וויינען די טויען מיט אמתע טרערן
און ס'דוכט זיך מיט בלוט טריפט אַ יעדער שטערן.

* * *

ווער שאַרט דאָ און קלאַפּט מיט אַ הילצערנעם שטעקן
די עלנטע ביינער פון רו צו דערוועקן?

דאָס שאַרט זיך אַ רשע אין לבנהקער שיין
צו רייסן פון טויטע די גאָלדענע ציין.

ווי צו דעם ביין וואָס האָט נישט קיין רו,
ווי צו מיינע אויגן וואָס קוקן דאָס צו.

1946

ווען ערגעץ וואָלט אַ גאָט געווען

ווען ערגעץ וואָלט אַ גאָט געווען,
וואָלט ער טיפע ברונעמס צווײ דערזען —
מײַן מאַמעס אויגן,
אַנגעשוואָלענע מיט הונגער און מיט טרויער.
ווען ערגעץ וואָלט אַ גאָט געווען,
וואָלט ער מײַן מאַמעס בליק דערזען
אַ פאַרקלעמטן אין דעם געטאָ־מויער,
וואָס בעט אַן עצה כאָטש אַ שטומען צײכן —

ווען ערגעץ וואָלט אַ גאָט געווען,
וואָלט ער מײַן מאַמעס צער דערשפּירט:
צווײ טעכטער אויסגעהאָדעוועט,
צו דער חופּה זיך געפירט,
און צום סאַמע ביטערן נסיון
אַלײן געבליבן.

ווען ערגעץ וואָלט אַ גאָט געווען,
וואָלט ער מײַן מאַמעס רוף דערהערט—
אַ פויגל אָפּגעריסן פון דער ערד,
אַ פאַרוווּנדעטער אין מיטן פלי,
דאָך שלאָגט ער צו די וואָלקנס צו:
אויף אַ שטראַל שפּאַרט ער אָן דעם קראַנקן פליגל,
פּאַטשט אויס מיטן צווייטן פליגל אַ יום־כּיפּור־ניגון,
רופט אויס אַלע נעמען פון די בעסטע מלאכים,
מיטן שנאָבל קלאַפּט ער אין דער טיר פון כּביכול,
אַ פאַרכלינעטער פון האָפענונג און שײַן,
און פאַלט צוריק אַראָפּ אין תהום אַרײַן.

ווען ערגעץ וואָלט אַ גאָט געווען,
וואָלט ער מײַן מאַמעס קול דערקענט —
דעם סידור אין די מידע הענט —
פון לעבן אַ באַגלויבטער משכון,
דעם ציטער פון די שוואַכע אַקסלען,
צעווייגטע נאָך פון בענטשן ליכט,
די טרערן אויף איר בלײַך געזיכט.

מײַן טויטע מאַמע

אין אַש פון פאַרברענטע יאָרן
ליגט צעוואַלגערט דער טורמע=מויער. —
מײַן טויטע מאַמע וויינט אין מײַן זכרון,
אַנגעשפּאַרט אין אַ טונקעלן טויער.

זי רופט אויס די נעמען פון אירע זין,
וואָס שלאָפן צעזייט איבער דער וועלט —
שטייט אויף יצחק, דער עלטסטער, הינטער בערלין
פונעם ביינער=טאָל, אויף אַ פעלד;

קומט דער מיטלסטער, אריה, פון געטאָ צו גיין
פון אונטער משׂאות ציגל רויטע;
פון וועלכן תהום עס גייט אויף דעם ייִנגסטנס געביין —
דאָס ווייסן נאָר די טויטע.

בלויז איין זון האָט אין לעבן פאַראַנקערט זײַן קראַפט —
האָט די מאַמע זײַן אַדרעס פאַרגעסן.
זי קלאַפּט אין די טויערן פון פּאַוויאַק,
אין די טירן פון קאַרטוז=בערעזע.

זי רופט אירע טויטע זין אַהער.
זיי פליען אָן ווי שטערן פון אין־סוף.
אַ שעפּטש פליטשעט אַרום, ווי דער פלום פון אַ טרער,
איך הער אים ביינאַכט דורכן שלאָף.

איך הער ווי די מאַמע ברעכט זיך די פינגער,
עס קרעכצן די קנאָכן פון אירע הענט.
איך רוף זי, איך שרײַ אויס דאָס האַרץ און די לונגען,
עס שלאָגט אָן מײַן קול אין די שטומע ווענט.

די מאַמע בלאָנדזשעט, זוכט איבער לאַנגע קאָרידאָרן
און קאַרצערס, זי מונטערט אַ וועכטער.
זי ווייסט נישט, ווייזט אויס, אַז אין משפּט פון יאָרן
איז איר זון אַרויס דער גערעכטער.

איר לעצטער זון טרעט איצט פריי אויף דער ערד
און באָדט זיך אין דער תּוך דער הייסער.
מיין מאַמע האָט די בשורה שוין נישט געהערט.
(ווער שיקט ריין אַ בשורה צו מתים?).

מיין טויטע מאַמע וויינט אין מיין זכּרון,
אָנגעשפּאַרט אין אַ טונקעלן טויער.
אין אַש פון פאַרברענטע יאָרן
ליגט צעוואַלגערט דער טורמע-מויער.

לאָדזש 1947

אין דער נאַכט פון סילוועסטער

רויט גלאַנצט דער ווייַן אינעם גלאָז, צווישן פרייַנט,
אין דער פרייַלעכער נאַכט פון סילוועסטער.
דורכן שוימיקן פלאָם האָב איך פלוצלינג דערזען
מייַן דערמאָרדעטע שוועסטער.
זי האָט אין פענצטער אַרייַנגעקוקט פון דער לבנה;
אַ װוּנד האָט געגליט אויף איר בלוילעכן פנים.
זי האָט מיך גערופן, געדראָט און געווונקען,
געקלאַפּט אין די שויבן מיט קאַלטע פינגער.

כ'בין אַרויס אויף דער גאַס אומבאַמערקט,
אַ זיפץ האָט אין מייַנע טריט זיך געהערט.
בייַ אַ ראָג, וווּ די נאַכט איז אויף שטיינער צעהאָנגען,
רופט מיך מייַן שוועסטער:
— איך בין אין אַ חורבה געפאַנגען!
איך לויף איר אַנטקעגן — אין שנייאיקן ליכט
באַווייַזט זיך אויפסניי איר פאַרבלוטיקט געזיכט.

זי גראָבט שיכטן ליים. די האַנט בליצט ווי אַ שווערד.
שוילט זיך אויס אַ פאַרשווונדענע וועלט פון אונטער דער ערד.
אויף אַ צלם געהאָנגען, וויגט זיך אַ שאָטן;
דער ווינט ברומט.
מייַן שוועסטער דערציילט אין איין אָטעם
וועגן גרויסן פאַראַט פון די פרעמדע געטער,
וועגן גרויסן פאַראַט פון גאָט אינעם געטאָ.

עס ברענט! און פלאַמען קלאַפּן אָן אין די וואָלקנס,
און שרייַען און שפּרינגען אין רויכיקע קאָלטנס,
פאַרשטאָפּן אונז די מייַלער און בריען,
און בויגן צום שטויב די פאַרוונדעטע קניען, —
אַ קלויסטער צעשאַרט דאָס אַש און מאַכט זיך אַ וועג,
ס'פליט אָפּ אַ לבנהקער פויגל מיט שרעק.

נאָר די גרייסע זין און די מעכטער ,זיי וואַרטן:
אַ בליץ, אַ סיגנאַל, אַ מינוט אַ געגאַרטע,
די האָר זייערע גלאַנצן ווי זילבערנע שפּיזן.
עס פּלאַקערט אַ רוף אינעם אויג פון די ריזן:
בלוט! בלוט! שרייט אַ יעדערער גליד,
און ס'שרייט די ערד מיט זיי מיט.

מיר דאַכט זיך: כ'בין ווייט אין די בערג איצט אַוועק
דורך טויזנטער יאָר צו אַ פאַרלאָזענעם ברעג,
עס קלאַפּן זיך און האַרצן זיך די ימיקע וועלן
און וואַרפן אין שטורעם מלחמה־באַפעלן.

טויזנטער יאָר פלאַמען אויס מיט שטערן אין הימל.
עס גרויט שוין די ערד אין טאָגטעגלעכן אומעט.
דער ברוזיקער ים טריקנט אויס מיטאַמאָל.
די בערג זיינען קברים. פול מיט מתים דער טאָל.
עס שרייט דער ווינט מיט אַ מדבּרדיק קול.
מיין שוועסטער פאַרשווינדט ווי אַ סוד.
אינעם מויל
דער ביטערער טעם פון בייגאַכטיקן ווייך.
פאַרטאָג. איך זיץ אין אַ חורבה און וויין.

וואַרשע, יאַנואַר 1946

שוועסטער דערשראָקענע

שוועסטער דערשראָקענע,
פאַרכאַפּט אין אַ רינג פון אַ דייטשישער וואך,
האָסט די אַקסלען מיט שטאָלץ אָנגעזעגנט
אַנטקעגן דעם מעסער דעם טעמפּן,
ד׳אָס מויל — ווי אַ שלאָס,
ד׳ער בליק — אַ געפּאַלענער טעמפּל.

צי האָט זיך דיין האַנט די צעציטערטע, מידע
געמיאוסט אַ ווילדן אַ שיכורן האַלדז צו באַרירן?
צי דיין קני אין הונגער־געשווילעכץ
האָט זיך געבויקט צו דער קאַלטער רפואה פון טויט?

און אפשר דערפאַר
ווייל דו האָסט זיך געמוזט
פאַרשטעלן די ברוסט
מיט די הענט —
פאַר די נאָדלען פון פראָסט?

אין דער טיף פון דיינע טונקעלע אויגן
האָט אַ שטערן געברענט
מיט אַ פייער אַ בלאָס —
פון פאַרכמאַרעטן מערב דער ערשטער שטערן.
פון דיינע פלאַמיקע וויעס
האָט אַ שנירל טרערן זיך געצויגן
צום שטיינערנעם האַרץ פון דער גאַס.

מײַן ײדישע שװעסטער,
פֿאַרפּײַניקטע און אױסגעלאַכטע,
איצט שלאָפֿסטו פֿאַרגראָבן דאָס פּנים
אין בערג,
אין פֿאַרפֿרױרענע טאָלן.
יעדער חורבֿער מױער איז דיר אַ מצבֿה,
דײַן געשרײ צעטראָגט דער װינט
איבער די שטעט די פֿאַרברענטע,
דײַן געװײן יאָמערט אױס דער רעגן,
דער רעגן אױף עלנטע װעגן.

װאַרשע נאָװעמבער 1946

אין אַ הויז אויפֿן בוידעם

אין אַ הויז אויפֿן בוידעם, פֿאַרקנוילט אין באַגינען,
האָבן דייטשן באַהאַלטענע יידן געפֿונען,

דערגרייכט מיט די שפּיזן דורך סנאָפּעס פֿאַרלייגטע,
געשלעפּט פֿון די ווינקלען, געשליידערט פֿון לייטער.

און צווישן יללות, געשרייען, געוואַלדן
האָט אַ מאַמע איר קינד צווישן סנאָפּעס באַהאַלטן.

דאָס קינד איז געבליבן פֿאַרדעקט מיט דער שרעק;
עס זײַנען די דייטשן פֿון בוידעם אַוועק.

און שטיל איז געוואָרן: קיין ריר און קיין שאָרך.
דאָס קינד האָט דעם אייגענעם אָטעם געהאָרכט,

געזויגן די שטרויען, געוויינט אין דער שטיל,
מיט אַ ראָזעווען שטראַל זיך געפֿרייט און געשפּילט,

די בלויקייט פֿון טאָג דורך אַ שפּאַרע געטרונקען;
בײַנאַכט האָט אַ שטערן געלאַכט און געווונקען.

איז עמעץ אַרויף אין דער הויך און געוואָלט
געפֿינען ס׳באַהאַלטענע יידישע גאָלד,

געזוכט און גענישטערט, צום סנאָפּ זיך פֿאַרנויגט,
דערטאַפּט אַ פֿאַרחידושט, קינדעריש אויג. — — —

נאָר האָט זיך אין מוילער אַ שעפּטשע צעזידט:
אין דעם הויז אויפֿן בוידעם: אַ ייד! אַ ייד!

דרײַ דייטשן, דרײַ זעלנער מיט ביקסן באַהאָנגען
זײַנען צו דער שטרויענער נעסט צוגעגאַנגען.

דאָס קינד האָט פאַרהויבן ס'געקרויזלטע קעפּל —
כ'האָט דעמלט געפלאָכטן פון שטראַלן אַ צעפּל.

אין לאַפּעס פאַרקלעמט קרעכצט אַ קינדערשער אָרעם!
אַ קינד פליט אין ווינט צו דער גאַס, צו דעם שטורעם!

אַ סלופּ האָט מיט בלוט זיך פאַרשפּריצט, און עס האָט
פון דער ווייט אָפּגעציטערט דער טעלעגראַף־דראָט.

עס וויאַנעז אויף שטייגער די קינדערשע קניען;
פאַרנאַכט קומען טשאַטעסוויז פייגל צו פליען

און קושן די הויט, דעם פאַרטרוקנטן ביין
און פליען אַוועק מיט אַ פויגלש געוויין.

געטאָ־לעגענדע

ווען די קליינע גיטעלע איז אין הימל אַרויף,
האָבן אַלע מלאכים דערוואַכט פון שלאָף,

אין באַגין־בלוי געטובלט די פליגל, די הענט,
מיט אַ קעמל פון שטראַלן די האָר זיך פאַרקעמט.

געגומען האָט ריזלען דאָס בלוט אין זייערע גלידער,
וואָס זיינען פון לאַנגוויל געווען פאַרגליווערט.

אין אַ שטויביקן נעפל איז איר גוף געהילט,
האָבן זיי אים, דעם נעפל, צעבלאָזן שטיל:

פאַרשטעלט דאָס ליכט פון איר האַלדז — דעם אינדערפרי,
פאַרבלענדט דעם טאָג — איר באָרוועסע קני.

אַ ווינטל אַ שטילס האָט זיך אליין צעווייט
און איר אָנגעטאָן אַ זעפירן קלייד.

צוויי מלאכים האָבן עפּעס צווישן זיך געפּרעפּלט
און פאַרשוווּנדן אין דער הויך דורך אַ וואָלקן־טרעפּל.

מיט לויטער געזאַנג האָבן צוריקגעקערט ביידע:
גאָט גריסט דיך, ער וואַרט אין די אַלייען פון גן־עדן.

פונקט אַזוי שיין ווי האָסט געזונגען ביים לעבן,
וועסטו אונז אין גן־עדן קאָנצערטן געבן.

שווימט אויף דורך אירע ציין, איינגעפּרעסטע אין גומען,
איר קול, ווי דער זילבערנער שטראָם פון אַ ברונעם:

„אויב שטאַרק איז ער, גאָט, אין דעם הימלישן לאַנד,
זאָל ער אַראָפּ אויף דער ערד מיט אַ שווערד אין האַנט,

אַריינגהויכן לעבן אין די יונגע ביינער,
וואָס וואַקסן אין בערג אויף די געטאָ־שטיינער

און בענטשן מיט זיג אונזער הייליקע מלחמה,
פאַרזייען אַ זריעה פון ברויט און נקמה".

געמען פלאַמען די רייד אין איר מויל און זיך מערן
און צינדן אין הימל רויטע שטערן.

אין דערפרי האָט אַ מלאך זיך געזעצט צופוסנס,
פון דער חרובער היים אָפּגעגעבן אַ גרוס איר.

האָט זי אויפגעעפנט אירע גרינע אויגן
און דריי מאָל צו אים דעם קאָפּ פאַרבויגן;

מיט אַ שטומען בליק, ווי אַ קינד אין אַ וויגל,
געבעטן: איר אָנטאָן זיינע פליגל.

דער גוטער מלאך האָט צוליב געטאָן,
געמיינט: אַ שפּיל אויף אַ רגע, אַ שעה.

און ער וואַרט שוין אַ טאָג, און ער וואַרט שוין אַ יאָר —
די צייט האָט פאַרבלאָזן מיט פראָסט זיינע האָר.

דער ווינט האָט אים איינגעבויגן די אַקסלען,
עס שפּראָצן שוין נייע פליגל צום וואַקסן.

אין לבנה־נעכט קוקט ער פון הימל אַראָפּ,
עס בלויט איר געשטאַלט, עס שטראַלט איר קאָפּ.

ביזן היינטיקן טאָג, אויפן געטאָ־מהלך,
פליט אַרום איר נשמה — אַ פאַרבלאָנדזשעטער מלאך.

דריי פריינט

אין אַ הויף פון צעבראָכענעם וואַרשע
האָט אַ שטוב מיט אַ דאַך זיך באַנייט.
מיט קאַלעך מיט ווייסן
האָבן ווענט זיך דערפרייט.
דער טיש — ווי עס זינגט זיך אין לידער:
מיט אַ טישטעך צעהעלט
און מיט בלומען באַשטעלט —
אונזער אַלטע פריינטשאַפט מיר פייערן ווידער.

אונזער אַלטע פריינטשאַפט מיר פייערן היינט —
דריי פריינט,
דער פערטער פריינט — פעלט.
אויפן אויבנאָן פונעם טיש
זיצט אַ סוד
אייגנגעעסן אין אונזער בליק.
אויפן ליידיקן אָרט פונעם טיש
פלאַמט אויף אַ פּאָר הענט,
פאַלט דער אָפּשיין פון פלאַמען אין פלעשל אַריין,
דער ווײַן ברענט.
אויפן ליידיקן אָרט פונעם טיש
הויבט זיך אויף אַ געוויין;
שקעלעטישע ציין
פאַרבייסן אַן עפּל.
דער עפּל פאַרגייט זיך מיט בלוט...
מיט טרערן פאַרמערט זיך די זופּ
אין די טעלערס.
דאָס צימער ווערט ברייט ווי אַ פעלד.
אויפן ליידיקן אָרט פונעם טיש

זיצט דער שאָטן פון אונזער פריינט,
ווי אַ נעפּל געשוואָלן דער גוף,
די פיס אין דער ערד איינגעוואַקסן.
מיט ציגל אַ בארג אויף די אַקסלען,
פאַרווייט מיט דער האַרבסטיקער קעלט,
פאַרשיט מיטן שטויב פון דער וועלט. —

מיר זיצן דריי פריינט, דריי וואָלקנס פאַרקאָוועט אין קעלט,
דער פערטער פריינט — פעלט.

וואַרשע, דעצעמבער 1946.

פֿאַרנאַכט אין געטאָ

טראַמווייען קלינגען אין פֿאַרנאַכט אַריין.
עס ברענט אַ הויז אין צינאָבער-ווינט.
איך שליידער דעם צווייפֿל, די זאָרג און די זינד
אין דעם פֿלאַם
פֿון דער גאָלדענער שקיעה.
באַלד וויגט זיך פֿאַמעליך פֿאַרביי אַן עגלה,
די שוואַרצע געוואַנטן פֿליען.
דער קלאַפּ אויפֿן ברוק פֿון די פֿערדישע טלאָען
באַגלייט מיך אַזוי ווי אַ קללה.
ערגעץ יאָמערט אַ ווייטע בהלה!
ניין! דאָס קלאַפּט מיין האַרץ ווי אַ גלאָק
ביי דער גרענעץ פֿון דער נאַכט
און דעם מאָרגנדיקן טאָג.

לאָדזש, 1947.

האַרבסט

צעפּלאָשעטע גנעפּלען גייען ארום באָרוועס,
דער רעגן פּויקט אין די בלעכן פון די חורבות.
עס שווענקען זיך די וועגן און קאָנען נישט דערשווענקען
דאָס בלוט,
וואָס איז פאַרגליווערט אויף סטעזשקעס — פינגער.
ביים שיידוועג שטייט די תליה נאָך — א קרייץ אָן אויסגעלענקטער,
די לעצטע פייגל זיינען מיט דער טרייסט פאַרשוווּנדן.
מיין האַרץ
איז פון אומעט שוין אדורכגעברענט, פאַרקוילט און שוואַרץ.
מיין שוועסטער איז געלאָפן איבער וועלדער צו א בונקער,
דערלאָפן מיט דער קויל צוזאַמען.
עס לעשן זיך אין טייכן פונקען —
די טרערן פון מיין מידער און געפּלאָגטער מאַמען;
איך לעצטער גסיסה-ספאָזם
ציטערט ביי דעם ווינט אין האַלדז.
ווי דעמבעס זיינען מיינע ברידער אונטער העק געפאַלן;
עס זיפצט נאָך אין דער לופט זייער געשריי,
נאָר דער האַרבסט האָט אונזער ווייַ פאַרשטאַנען:
צעטומלט פליען בלעטער.
שווערע פאַלן די קאַשטאַנען.
און וואַקסענע צוקאָפּנס־ליכט
צעציגדן זיך די ביימער־שטאַמען
פאַר די שענסטע קרוינען פון מיין שטאַם.

לאָדזש, אָקטאָבער 1946'

האַרבסטיקע בלעטער

איך טרעט אויף די האַרבסטיקע בלעטער,
און טראַכט פון פאַרגאַנגענעם צווייט.
ביז איך האָב אין זכרון דעקלעמערט
דורך יאָרן פון בלוטיקן שניט
צו אַ טאָג

אויסגעבאָדן אין זון ווי אַ חלום;
די לופט שמעקט מיט ווייַן און מיט טרויער,
אין פּאַרק פון גענשער בית־עולם
שפּאַצירן מיר ביידע — פרויען.
איך זאָג:

טעג אין דער וואָך זיינען זיבן,
און פּאַרקן אין וואַרשע אַ סך —
פאַרוואָס האָסטו גראָד אויסגעקליבן
די סטעזשקעס צו אייביקער נאַכט? —
ס'איז שטיל.

נאָר דער ווינט שפּילט אויף האַרפּן פון צווייגן,
פאַרשיט אונדז מיט בלימלעך די האָר.
מיין חברטעס גרינלעכע אויגן
זיינען קלאָר:
— מיט אַ ציל,

ענטפערט זי רויק און קלוג,
איינגעקוקט אין אַ מאַרמאָר־מצבה:
ווייל דאָס לעבן כ'האָב ליב און דעם טאָג,
מוז איך זיך צו דער נאַכט צוגעוווינען,
און צום טויט,

װאָס מוז פון דער אייביקייט קומען,
צו פאַרלעשן אַלץ װאָס איז שײן.
כ'טרינק דעם זאַפט פון בית־עלמין־בלומען,
זיך צו היילן פון שרעק און פון פּײן,
װאָס דאָס לעבן באַגלייט. —

כ'וויל דאָס ליכט פון איר פּנים פאַרהאַלטן,
אירע אויגן — דעם גרינעם פלאַם.
עס צעשװימט זיך אין טויזנט געשטאַלטן —
די לבנה אין אַ פינצטערן ים.

אפשר האָט זי אַ בוים װו פאַרבלעטערט,
און אפשר אַ װיגע פאַרשיט?
איך טרעט אויף די האַרבסטיקע בלעטער,
און טראַכט פון פאַרגאַנגענעם צװיט.

לאָדזש, 1946.

ס׳איז דער שטורעם דאָ אַדורכגעגאַנגען

ס׳איז אַ שטורעם דאָ אַדורכגעגאנגען —
סאָסנעבײמער הינקען אנטקעגן די שקיעות,
פון די וואָרצלען האלב ארויסגעריסן,
מיט אָפּגעדארטע הענט
און מיט אויסגעדרייטע פּיס,
ווי אינוואלידן.

ס׳איז דער שטורעם דאָ אדורכגעגאנגען —
בײנאַכט ווערן צוריק פון די בײמער תליות
מיט געהאָנגענע ײדן.
עס ציטערט אויפן גראָז זײער מאָגערער שאָטן,
מיט זילבערנע טרערן ווײנט איבער זײ די לבנה.

ס׳איז דער שטורעם דאָ אַדורכגעגאנגען —
די לײדיקע הײזער בײם וועג —
ווי פון אַ ים ארויסגעוואָרפענע שיפן.
דער אָפּגרונט פון שנאה האָט געזידט און גערווישט
און דערטרונקען אַ לעבעדיקע וועלט
אין זײנע פינצטערע טיפן.

ס׳איז דער שטורעם שוין אדורכגעגאנגען —
מיד און צארט אין די שטילקײט נאָך אַ שטורעם —
מיט דורכזיכטיקע טיכלעך בלויע
ווישט דער הימל זיך די געפלדיקע אויגן —
סאמעטענע גראָזן מיט טוי אָנגעזויגן
פארגרינען די בלוטיקע שפורן.

ס'איז דער שטורעם שוין אדורכגעגאנגען —
פון אַ שטראַליקן באַרג
שפּריזט אַ ליכטיקער ווידער דער טאָג.
נאָר ברוגז, מיט שטיינערנעם צאָרן
ליגן הארטע מצבות
איינגעמויערטע אין שטויביקן ברוק.
עס וויינען די נעמען פארקריצטע אויף זיי
מיט היימישע אותיות,
עס דראָען די נעמען פארקריצטע אויף זיי
מיט יידישע אותיות,
ווי שופרישע האָרנס.

פּושין=וואלד, 1948.

ווי לאַנג וועט דאָס בײַז נאָך געדויערן

ווי לאַנג וועט דאָס בייז נאָך געדויערן,
און דער שונא וועט אַלץ אויף אונז לויערן?
די ערד איז מיט בלוט אָנגעזאַפּט,
די קראָען זיינען שוין זאַט.
עס מאָכיקן בייגער אויף וועגן,
געוואשן פון הארבסטיקן רעגן.
דאָס אַש פון די קדושים, געליטערטע אין פלאַמען,
האָבן ווינטן צעווייט און פארטראָגן
אויפן דנאָ פון טייכן און ימען.

ווי לאַנג וועט דאָס בייז נאָך געדויערן
און שונאים וועלן דורשטן נאָך רויב? –
אונזערע מויערן
וואַלגערן זיך אין שטויב ——— ——— ———
מיר וואַרעמען די הענט ביי די פייערן פון גלויבן
און קלויבן די ציגל און קלויבן.
פאַר די שוועלן פון נייעם הויז
שטייט דער ווייטיק פעלדזיק און גרויס,
און פאַר די פענצטער פון הויז ———
קריכן שלאַנגען און לויערן. ———
ווי לאַנג וועט דאָס בייז נאָך געדויערן?

דו

זאָל ווער עס וויל מעסטן פון פרעמדקייט די גרענעצן,
שלינגען דעם טעם פון געבעטלטן ברויט;
איך וויל אַ גאָרטן ביים פענצטער פאַרזעצן
פון בוראקעס, מייערן, קרויט.

זאָל ווער עס וויל יאָגן דעם שטויב אויף די וועגן,
אַ מידער דערוואַקלען צום ברעג פון פאַרלענד;
צו מיר וועט פון ערד זיך דערהויבן דאָס לעבן,
מיט טוויאיקע ליפּן מיר קושן די הענט.

כ'וועל רייסן דאָס ווילדגראָז, כ'וועל גלעטן די בלעטער,
צו רויזן זיך בוקן און זוניקן בלענד.
וואָס ס'האָט מיין מאַמע פאַרזעען און פאַרשפּעטיקט,
וועל איך עס דעריאָגן מיט אייגענע הענט.

כ'וועל אוגערקעס קלויבן, און רעגן צעבליטע,
דערלאַנגען דעם וואָגלער, וואָס קומט פון דער פרעמד.
ביינאַכט וועלן שטערן אין גאָרטן צעבליען,
לבנה וועט וואַכן אין גרינלעכן העמד.

אַרומנעמען וועט מיך דער ריח פון בלומען
און כישופן מיך ביז דער שעה פון פאַרגיין.
די ערד וועט מיך רופן, כ'וועל גיין צו איר רויק —
מיר וועלן שוין אַלטע, באַקאַנטע זיין.

לאָדזש 1947.

אונזער האַרץ האָט אין די קוואַלן פון טרערן

אונדזער האַרץ האָט אין די קוואַלן פון טרערן
זיך אָדורכגעוואַשן קלאָר.
פון אונדזערע שוואַרצאַפּלען לייכט אַרוים די וואָר.
אונדזער אויג איז שוין מיט ליכטיקייט רייף,
ווי די שטערן
וואָס פינקלען איבער פינצטערע הייף.

לאָמיר זיין ווי די שטערן,
וואָס אָטעמען באַזונדער,
געטריי דעם בלויען שטח,
זייער האַרץ ברענט
צו איינאַנדער.
שטערן לויכטן איבער טונקעלע לאַבירינטן קרומע
אין זייער אייביקן וואַנדער.
לאָמיר, ווי זיי,
איבער וועלטן פון אייז און פון שטיין
גיסט דערגרייכבאַרע, ליכטיקע שפּרייזן.
זאָל אין קלאָרער דורכזיכטיקייט קרייזן
די באַוועגונג פון אונדזערע הענט.

אונדזער האַרץ האָט אין די קוואַלן פון טרערן
זיך אָדורכגעוואַשן קלאָר.
אין אונדזערע אָדערן פליסט די וואָר.
מיר זיינען מיט ווינטן געבונדן,
מיט שטורעמס אַלץ,
מיט שקיעות און מיט זון־אויפגאַנגען אַנגעצונדן,
ווי די דעמבן וואָס וואַקסן אין פרייען וואַלד.

לאָמיר זיין ווי דיביימער אין וואַלד:
ס'איז ענג און געדיכט זייער שטאַם,
די פּיס ארומגעפלאָכטן מיט שאָטנס;
גרויס איז די זון, נישט געצאַמט,
פריי איז דער אָטעם.
זיי שטרעקן קיינמאָל נישט די צווייגן אויס
צום חברס האַלדז, אים צו דערשטיקן,
נאָר בלויז
צו שיקן,
מיט אַ שטראַל אַ קוש
און פאַר געטרייער חברשאַפט אים רוישיק לויבן.
און נישט צו באַרויבן
פון דער פרילינגדיקער זון וואָס לאַכט,
פון לבנהקע חלומות אין אַ זילבער־נאַכט,
נישט פון שניי, וואָס פאַלט
און גליווערט איין אין ווינטערדיקן דרימל.
לאָמיר זיך ליב האָבן,
ווי עס ליבן זיך די ביימער אין וואַלד,
און זיך מיידן, ווי די שטערן אין הימל.

לאָדזש, יוני 1948.

ברודער פון יענער זייט אָקעאַן

ברודער פון יענער זייט אָקעאַן!
א פארנאכט גענען צו די ברעגן פון ים,
בייג אָן צו די כוואליעס דיין אויער.
הערסט, ווי די טיפעניש קאָכט אינעם ים? —
עס איז דאָרט א לעבן פאראַן.
עס ריידן די כוואליעס אויף ווינטיקע שפראַכן,
עס שמראַלן די פיש אין אַ שווייגנדיק לאַכן,
מעדוזן דורכזיכטיקע, ליכטיקע שווימען,
אויף די פליגל פון מעוועס פליען שטיבעלעך — זונען.

ברודער פון יענער זייט אָקעאַן!
עס שווימט א כוואליע א בייזע צום ברעג פון דיין לאַנד,
שווענקט אונטער דעם גרונט פון דיין היים —
זי שווימט פון די וואסערן מוטגע פון רהיין.
פארטריבן פון דניעפּר און מאַריצאַ פון דער ווייסל —
איצט פרווט זי די צוימען פון ים איבערדרייסן.
עס כּאַרבלט מיט מענטשלעכער גסיסה דער שטראָם
וו גאָר ער צעפליסט זיך ווערט בלוט פוגעט וואסער
און סם.

ברודער פון יענער זייט אָקעאַן!
נעם זיך אָן מיטן ווינט פאר דער האַנט
און לויף אהיים.
וועק אויף אלע שכנים פון שלאָף,
שליידער זיי שטערן אין די פענצטער אריין,
דאָס גאָלד פון דער זון שיט זיי אָן אין די אויגן
צעהענג זיי אויפן האלז דעם רעגנבויגן.
אפשר וועט אזא גרויס און שמראַלנדיק ליכט
צעטרייבן די נעפּלען פאר זייער געזיכט
און באווייזן דאָס בלוט, און באַלויכטן דעם סם,
וואָס פארעט פון דער ערד אין מאַרגאַכטיקן פלאַם?
אָ, אפשר וועט אַ פאַרבלאָנדזשעטער בליץ
אין מאָרך פון זייערע בייגער אַ דרעזונג צעצינדן?

לאָדזש 1948

מײַן מאַמע האָט אַ ליד געזונגען

װען איך בין נאָך געװען אַ קלײנע,
און דער הימל האָט געשמעקט אונטער אונזער שױבן,
אין דער שױב האָבן שטערן געגליט —
האָט מײַן מאַמע דעם פּלאַם אײַנגעװיגט
מיט אַ ליד
װעגן אומעטיקע בײַנער,
אײַנגעשלעפערטע אין שאָטן פֿון אַ פֿרעמדן פּלױט,
װאָס װעלן דורך צעשטערנטע אין־סוף
געפֿינען דעם װעג
און דערװאַכן
בײַם ברעג פֿון מדבר־דיקע זונען.

אַ מידע פֿון װײנען און לאַכן,
מײַן ברעם האָט די זונען פֿאַרלאָשן אין זכרון.

אין בלוטיקן שפּיגל פֿון יאָרן
איז דאָס ליד מיר אַנטקעגנגעקומען
מיט די בײנער פֿון מײַנע ברידער,
דערשטיקטע אין הײסן בראַנד,
מיט דער לעצטער פֿאַלנדיקער װאַנט
פֿון געטאָ אין װאַרשע.

און איצט:
אין די טונקעלע שורות פֿון אַ צײַטונג,
װאָס פֿלאַטערט אין מײַנע הענט,
האָב איך די הײליקע װענט פֿון דער שטאָט ירושלים דערזען,
האָב איך װידער דאָס פּנים פֿון מײַנע ברידער דערקענט —
די אױגן־קאַלירן,

די לעבעדיקע פינגער,
וואָס שלאָגן אָפּ די שטעכעדיקע קוילן,
די ליפּן אויפגעעפנטע צום זינגען,
ווען עס קריצט נאָך אין שטורעם
א שטיין אויף א שטיין.

ווידער לויכטן זייערע ווונדן,
ווידער ריזלט דאָס בלוט אויף דער ערד.
דאָס ליכט פון זייער אָנגעגליטער שווערד
טרעפט דעם שונא אין זיין פינצטערער זינד.
שטראַלן דרייען זיך, ווי ווייזערס פון א זייגער,
ימען רוישן, ווינטן קלינגען
און טיילן די נצחונות אפילו מיט די שטיינער.

ווען איך בין נאָך געווען א קינד,
האָט מיין מאמע מיר א ליד געזונגען
וועגן אומעטיקע בייגער,
וואָס וועלן דורך צעשטערנטע אין־סופן
דעם וועג געפינען
צו דעם לאַנד פון מזרחדיקע זונען.

אפּריל 1948

דער וואַלד פון די קדושים

ערגעץ, ווו די דערנער גליען
ביי דעם מדבר ראַנדן,
וועט זיך ווען אַ וואלד צעבליען
וויט איבער די זאמדן.

פון אַ פלאנק אין זון געוויקלט
וועט זיך אַ סאָסנע קרוינען,
אינעם הימלס בלויען שפיגל
וויגן זיך און שטוינען.

הויכע גראָזן וועלן שאָרכען
אין אַ שטילן חלום,
מדבר=אָדלערס וועלן דאָרטן
קומען אין די טאָלן.

ווינטן וועלן רוישן, בלאָזן,
עפּעס-וואָס דערציילן,
אין די בערג וועלן קוואלן קלאָרע
מיט זילבער-טרערן וויינען.

אין די נעסטן וועלן פייגל
זינגענדיקע שמועסן:
פון דעם שטאַם, פון דעם צעצווייגטן,
אויסגעהאקטן, וויסטן.

טילמאָל וועט אין מיטן הימל
אַ וואָלקן זיך פארטראכטן.
און וועט פאלן מיט געטומל
אין די אָרעמס פון פארנאכטן.

דורכן ים וועלן פֿרייע מעוועס
פֿון מערב־ברעגן פֿליען.
מיט די גייסטער פֿון לעגענדעס
בלוטן אין דער שקיעה:

ס'ברענען קעפּ ווי העלע שייטערס,
שוואַרצער רויך — די לאָקן,
רויטע פּערל — טרערן הייסע,
פֿונעם ווינט געטראָגן.

יעדער וועט אַ רוף דערהערן, —
זיין נאָמען אין דעם וויכער.
שטילע קולות וועלן שעפּטשען:
טוט אונז אָן תּכריכים!

מאַמעס וועלן יאָמערן,
קליינע קינדער — קלאָגן,
הירשן וועלן אויף די הערנער
ברענגען די פֿאַרטאָגן.

לאָדזש, 1947.

כ'וואָלט אַוועק אין דער ווײַט

כ'וואָלט אַוועק אין דער ווײַט נאָך די טריט פון מײַן קינד
אַנטקעגן דעם מזרח־ווינט.
צו דער שוועל פון באַרג סיני איך וואָלט דערקלעטערט,
וווּ עס האָבן די ייִדעס די תורה צעבלעטערט.
איך וואָלט געוואַנדערט יאָר אויס יאָר איין.
די זון אויפן קאָפּ, ווי אַ קרוג מיט ווײַן,
וואָלט געשמאַרקעט מײַן גוף, ביז איך וואָלט דערגאַנגען
צום ירדן־טײַך — צו דעם גאָלדענעם וויגל.

נאָר איך קאָן נישט פון דאַנען אַוועק:
כ'בין פאַרקלעמט
אין ראָד פון פאַרגאַנגענע וואָכן.
איך קאָן נישט איבערן די בערג מיט די ציגל,
איך קאָן נישט פאַרלאָזן די שוואַרצע ווענט,
וואָס שטומען צעבראָכן.

כ'וואָלט אַוועק אין דער ווײַט נאָך די טריט פון מײַן קינד
אין אַ מאַנטל פון העלן מזרח־ווינט.
מיר וואָלטן זיך גענומען פאַר דער האַנט
און אין שאָטן פון כותל־המערבי
געלאָשן דעם דורשט — אונדזער וואַנדער־בראַנד.
מיר וואָלטן די ערד געקושט ביידע,
די ערד פון אונדזערע עלטער־ייִדעס.

נאָר איך קאָן נישט פון דאַנען אַוועק:
כ'בין פאַרקלעמט
אין ראָד פון פאַרגאַנגענע וואָכן.
איך קאָן נישט איבערן די בערג מיט די ציגל,
איך קאָן נישט פאַרלאָזן די שוואַרצע ווענט,
וואָס שטומען צעבראָכן.

לאָדזש 1946

אין חודש אַפּריל

אין חודש אַפּריל
ביסטו, קינד, צו דעם פּלאָנטער פון לעבן דערשוווּמען.
מיין געשריי האָט דיר אַ שטערן געשליפן אין הימל,
צו מיין געלעגער האָבן זיך מלאכים געבוקט —
דיינע באַבעס און מומעס מיט זאָרג אינעם בליק.
אָפּגעזונדערט אין חדר הערביי, אינעם שטילן,
האָט דיין זיידע געבלעטערט אַ קאַפּיטל תהילים.
מיט זון און מיט ווינט האָט זיך געבלעטערט די צייט,
אויפן זיידנס שוים האָסטו ס'ערשטע וואָרט דער וועלט דערציילט.
איז אַ וויגע אַ בייזע געקומען,
אונדז געטריבן, געיאָגט אונטער בלייענע הימלען
אין הונגער, אין טיפוס, אין שטורעם, אין שניי —
האָב איך, קינד, יעדן טאָג דיך געוויגט אויפסניי.

אין חודש אַפּריל
אונדזער היים איז פאַרברענט.
אין זוניקן שטויב טליען איצט די ווענט.
עס שווייגן די קעמפער, די אָרעמס געשפּאַנטע ווי בויגנס,
און רויבפייגל עסן דאָס בלוט פון זייערע אויגן,
וואָס רויטלט זיך אין אַ פאַרגליווערטן פלאַם.
שעך דאָס לעבן, מיין קינד, און געדענק דיין שטאַם —
דיינע מומעס, די באָבעס די שטילע.
פון אונטער די חורבות גראָב־אויס זייער ווילן
און טראָג ווי אַ פאָן אים דורך אַלע אַפּרילן.

לאָדזש, אַפּריל 1946.

ב״ם בּרעגפֿון ים

מיר בויערן אַ קוואַל פֿון נאַפֿט

מיר בויערן, מיר בויערן טיף אין דער ערד
אַ נאַפֿט־קוואַל.
ציסטערנעס אייזערנע וואַרטן שוין גרייט,
אָנגעגאָסן מיט הייסע טעג
און מיט קילע נעכט.
אין יעדן שרייפֿעלע, אין יעדן דראָט־געפֿלעכט
ציטערט איינגעאָטעמט אַ געדאַנק,
פֿון טויזנט הערצער דער פֿאַרלאַנג:
פֿאַרגיסן מיט דעם נאַפֿט דעם שונאס גיריקע בליקן.
אַ וואַנט פֿון פֿייער זאָל אים פֿון דעם וועג אומקערן,
דעריאָגן זאָלן שוואַרצע וואָלקנס רויך אים און דערשטיקן.
עס פֿלעכט זיך דער געדאַנק אין אייזן־רערן
און דרייט זיך אין דעם בראָנז פֿון רעדלעך און פֿון קראַנען,
אין מאָטאָרן־רויש איז ער פֿאַראַנען,
ער בליצט אויף איינעם לאָמפּ פֿון פֿאָרצעלייענע פֿאַטראָנען
מיט פֿלוצלינגדיקן העלן ליכט.
ער פֿלאַטערט איבער בלעכן ווי אויף פֿאָנען,
ער צווינגט דעם הויב־קראַן האַלטן גלייכגעוויכט,
ער בליצט מיט קליינע שפּיגעלעך פֿון טעודאָליט,
מיט ציינערדיקע וואַלצן פֿונעם אויטאָ איילט ער מיט.
ער זינגט אַ זיג־ליד אויס אין בוים אונטער די זעגן. —
מיט דעכער קליידן זיך געביידעס שנעל, מיט קוימענס — דעכער,
ווי אָנגעטאָן אַ הוט.
ער טרייבט דעם נאַפֿט אין אונטערערדישע געיעגן
און גליטשט זיך אין די וואָלקנס איבער טעלעגראַפֿן־דראָט.
דעם סטאָליער העלפֿט ער איינקלאַפּן אין האָלץ דעם דלאָט.
אין מדבר וווּ דער ווינט האָט פּוסט געלאַכט
וואַקסן אויס געביידעס איבער נאַכט.
מיר בויערן אַ קוואַל פֿון נאַפֿט.

קראַסנאָוואָדסק, 1942.

ביים ברעג פון ים

בײַם ברעג פון ים.
בײַם ברעג פון ים,
צווישן שטיינערנע בערג און זונענפלאַם,
בײַם אויפגעלעגטן פענצטער, אויף אַ בעטל אין שפּיטאָל,
וועט מײַן האַרץ זיך אָפּשטעלן מיטאַמאָל.
דער קאָפּ וועט צופאַלן צום קישן, ווי אַ שטילער פויגל,
קיינער וועט נישט לייגן מיר קיין שערבלעך אויף די אויגן,
כ'וועט מיך נישט באַוויינען, נישט מײַן מאַמע, נישט מײַן קינד,
בײַ מײַן קבר וועט זיך דרייען בלויז אַן אומרויקער ווינט,
נאָר איך וועל נישט זײַן אָטעם שפּירן, נישט פון זאַלץ דעם טעם,
בײַם ברעג פון ים.

בײַם ברעג פון ים,
וועט אַ בלויע כוואַליע זיך צעבלאָזן אין אַ שוים,
אַדורכשווענקען אַ וועג צום בערגל זאַמד, וווּ איך וועל ליגן,
און מורמלען מיר און מורמלען אַן אומאויפהערלעכן ניגון
פון אַן אייביקער, אַ ווינטיק־זוניקער, אַ הימלדיקער היים.
איך וועל זײַן אַ מומיע, אַן אומבאַוועגלעכע פון ליים,
כ'וועל נישט ציטערן בײַם געזאַנג פון כוואַליעס מיטן קלינגענ־דיקן גראַם.
מיטן זיפצנדיקן גראַם, אינעם ברויזנדיקן פלאַם.
בײַם ברעג פון ים.

ביים ברעג פֿון ים
וועט פּרוּוון וועז מיך וועקן אַ בוראַן
מיט העלע רידלעז, דורכזיכטיקע, אויפֿשאַרן מיין גוף.
פֿון נעפּל וועט זיך אויסשיילן דער זעגל פֿון אַ שיף,
אויף זיינע שפּיצן וועט נאָך פֿלאַטערן מיין לעבעדיקער טרוים.
דעמלט וועט די ברעם מיינע אַ ציטער טאָן קוים-קוים,
און ס'וועט מיט רויטן זאַמד מיך צריק פֿאַרשיטן דער בוראַן
ביים ברעג פֿון ים.

ביים ברעג פֿון ים
וועט צו מיין צוקאָפּנס זיך פֿאַרקאַלערן אַ שטיין,
אָנגעגליט מיט שטראַלן וועט ער שימערן, און ווינקען,
און לויכטן אין די נעכט מיט שטערנדיקע פֿונקען.
מיינע אויגן וועלן שוין זיין אויסגעלאָשן
און נישט זען דעם הערצגליף פֿון זון און שטערן־לשון.
נאָר ס'וועט אַמאָל אַ וואַנדערער פֿאַרבלאָנדזשען מן־הסתם
צום ברעג פֿון ווילדן, רוישנדיקן ים —
זאָל ער וויסן, אַז די אותיות פֿון גאָלד באַדייטן:
דאָ שלאָפֿט אַברהמס טאָכטער, אַ פֿאַרוואָגלטע פֿון ווייטן,
וואָס האָט פֿון לעבן אויסגעטרונקען אַלע ביטערקייטן,
אויך אַ פֿולן בעכער וויין און אַ פֿולן בעכער סם
ביים ברעג פֿון ים
ביים ברעג פֿון ים.

קראַסנאָוואָדסק, שפּיטאָל, 1942 יאָר.

אין פיבער

דער טאָג גייט שוין אויס אין די שויבן.
עס לעשט זיך דער פלאַמיקער קנויל, —
מיין שוועסטער, וואָס בלאָנדזשעסט ערגעץ אויף דער ערד,
דערלאַנג אַ לעפל זאַפט מיר אין מויל.

אַ פלעגערין שטייט מיט אַ פליגל פון קרייד,
דער לעפל איז נאָענט, דער חלום איז ווייט,
און קרייזט מיטן ווינט אין אַ שטאָט, אויף אַ גאַס,
צעבלאָזט אַ פונק אין הייסן אש,
גישטערט אין רויך, אין צעטליעטן פייער,
בלאָזט = אויף פנימער, באַקאַנטע און טרייע.

די מאמע פלאַמט דורך. ס'פלאַמען נאָך מיינע טריט:
מאמע, וואַרט! איך גיי מיט דיר מיט!
מיר וועלן באַנאַנד אין די רוימען פליען,
די רויכיקע הימלען, צורייסן קריעה,
שרעקן די ערד מיט אונזער געוויין.

מאמע, מאמע, דער קאָפּ טוט מיר וויי.
איך קאָן נישט צומאָל די האַנט אויסציען —
ווי אזוי וועל איך גיין? ווי אזוי וועל איך פליען?
האַלט צו דעם ווינט, וואָס ווינט מיט די תליות,
ער זאָל מיר נישט רייסן די פארשלאָסענע וויעס.

דער האַמער אין שאַרבן קלאַפּט אויס מיר אַן אָרון,
ביינאַכט אויף די אַקסלען טראָגן מיך שאָטנס.
אין זאַמדיקער ערד זיינען קיין שלאַנגען נישטאָ.
איך שלאָף אינעם מדבר פאַרשאָטן מיט רו,
פאַרזונקען אין טונקל, אָן ליכט און אָן פאַרבן. —

מיין קינד וויינט אין פענצטער און לאָזט מיך נישט שטאַרבן.

קראַסנאָוואָדסק, שפּיטאָל, 1943.

אונדזער שטוב שטייט אויף אַ באַרג

אונזער שטוב שטייט אויף א בארג אנטקעגנאיבער דעם ים.
ארום די בערג — א רייע קעמלען ריזיקע מיט הויקערס
און מיט שאָטנס —
פארשרפעט אין דעם מדברס געלן פלאם.

איך קוק פון באַרג:
ווי אַ שלאנג
דרייט זיך א גאס ארויס פון געריבער
און קריכט אוועק אין דער ווייט.
פון בית - עולם, וואָס פארשטיינערט געווערט אין דער זייט,
איך הער דעם ווינט דעם הייסן קאָפּ זיך אין מצבות קלאפּן.
סטאדעס שעפּסן שפּארן אָן די הערנער אין דעם ווינט
און שפּרינגען אים אריבער.
דער בלויער ים
צעקרישלט שוימען=שפּיגלען אין דער צוים פון שטיין.
עס לויפט אַ וועג אַ זוניקער, וואָס פירט צום האפן.

פון דאָרטן קומט מיין ליבער אָן מיט גיכע טריט.
דאָס טירל פונעם הויף דערלאנגט דעם אָרעם אים דעם ווייסן.
ער וואַרפט אוועק די קליידער פון סאזשע און מאזוט,
פריילעך לאכט דאָס וואסער אויף זיין קארק בעתן וואַשן.
באלד וועט א קראנץ פון זיינע הענט פארפלעכטן מיר דעם האלז,
אַ ווילדע רויז פון זילבער=פעדעם אויף מיין קאָפּ פארוועבן;
פונעם שווארצן פענעך ברויט מיט זאלץ
כ׳וועל אויסקייען דעם ריינעם, זיסן טעם פון לעבן.
דורכן פענצטער גריסט אַ פעלדז אונדז מיט אַן
אויסגעשטרעקטער האנט —
ער שיצט אונדז פארן שטורעם, אונדז — די לעצטע פון א שטאם.

אונדזער שטוב שטייט אויף אַ באָרג אַנטקעגנאיבער דעם ים.
ביינאַכט באַפאַלן סטאַדעס וויגטן אונזער וואַנט
מיט קנוילן שטויב, מיט גרויסע זאַמד, מיט פויסטן און מיט שטיינער.
שאַקאַלן הוילן אין דער ווייט נאָך אונזערע ביינער,
און איך אין חלום צווישן קברים בלאָנדזשע איינע,
איך זוך די שוועל צום הויז מיינעם און קאָן זי נישט געפינען.
די טרערן מיינע שלינגט דער ים מיט אַ געזאָלצטן גרימען.
אַ צאַרטע האַנט גלעט אָפּ מיין חלום פון צעבראָכענעם שטערן. —
אין מיטן הימל הענגט דאָס פענצטער אונדזערס,
מיט אַ פוירהאַנגל פון שטערן.

1945 קראַסנאָוואָדסק

מינוטנווייז רינט אויס דער טאָג

בענקשאַפֿט

מיילמאָל, אין אַ זומער־פֿאַרנאַכט,
גראָבט איין זיך אין האַרץ מיר די בענקשאַפֿט,
און כ׳קאָן נישט געפֿינען קיין רו.
איך לויף דעמלט אום מיט צעשויבערטע האָר,
און איך פֿרעג דורך געוויין:
— ווינט, ווינט, דו ווילדער, דו מיינער,
האָסט נישט געזען מיין פֿריינט?
דעם וואָס גלויבט מיין וואָרט און מיין בליק,
מיין חבר דעם שמאָלצן, דעם קלוגן׳

פֿאַרווייגט ווי אַ קינד,
וואָס האָט דעם וועג אהיים פֿאַרלוירן,
בלאָנדזשע איך אום,
כ׳זוך אַ וועג צו פֿאַרבישופֿטע טויערן.
איך טראָג אַ פּאָר אויגן:
צוויי פֿלאַמיקע רינגען.
יעדן וועג באַלייכט איך מיט אייגענעם פֿלאַם.
באַלייכט און באַטראַכט: צי זאָל איך דאָ גיין?
און גיי איך אַדורך, בלייבט מיין אָפּשיין דאָרט איבער.
און גיי איך אדורך, רופֿט דער וועג מיך צוריק
אַ פֿאַרברענטער פֿון ליבע.
נאָר איך קוק זיך נישט אום.
כ׳בין בלינד, כ׳בין שטום.

1938 ווארשע

ליבע

כ׳וויל זיין די לופט, מיט וועלכער דו אָטעמסט
אין בלויע, קילע אָוונטן, אין זוניק - העלע טעג.
כ׳וויל זיין דאָס ווינטל, וואָס בלאָנדזשעט אויפן וועג
און גלעט אין דורכלויף דיינע אָרעמס.

כ׳וויל זיין דער קוואַל, פון וועלכן דו טרינקסט
מיט דורשטיקע ליפּן, פאַרטרוקנטן גומען,
ווען א פאַרמאַטערטער נאָך אַרבעט וועסט קומען.
א ליד וויל איך זיין — דאָס ליד וואָס דו זינגסט.

ווען דיין קאָפּ אין טרויער זינקט אַ געפּרעסטער,
אין אומעט, אין צער, קאָנסט קיין רו נישט געפינען —
מיט צערטלעכן אַקסל צו דיר וויל איך קומען,
כ׳וויל זיין דיר א פריינדין, א שוועסטער.

איך גיי מיטן וועג וואָס דו גייסט דורך יעדן טאָג.
מיט דיין בליק באַגלייטסטו אַ פרוי און טראַכסט: אַ שיינע.
עס וואַרפט זיך דאָס האַרץ מיינס און קלאָגט:
כ׳וויל זיין יענע, כ׳וויל זיין איך, כ׳וויל זיין דיינע!

נאָר ווילסטו, אַז דאָס זאַמד, וואָס דו טרעטסט, זאָל איך זיין,
דו זאָלסט די ברענענדיקע טריט דיינע קילן, —
געליבטער! קאָן איך דיין פאַרלאַנג שוין נישט דערפילן,
כ׳וועל גיין אליין.

וואַרשע 1938

אין מאָכיק גרינעם טאָל

אין מאָכיק גרינעם טאָל
בין איך געזעסן מיט מיין ליבן,
דאָרט האָב איך דאָס לעצטע מאָל
געקושט אים אין די ליפּן.

דער מערב האָט מיט בונט
אין פלאַמען זיך צעגליט —
דאָס וויל ער מיטן ליכט פון טאָג
נישט שיידן זיך.

דו האָסט דאָס ליכט נאָך נישט דערקענט,
אין שאָטן שווימט אַרום דיין טאָג;
איך מיט בייטשן אין די הענט
די פינצטערניש פאַריאָג.

דו זינקסט אַזוי אין נעפּל שוואַרץ
און מיטן נעפּל קוויקסט זיך;
איך פאַר קלאָרקייט וואָלט מיין האַרץ
צעריסן אויף שטיקלעך.

דיך ציט דער שטילער אָוונט־שפּעט,
מיך רייצט דער רויטער מאָרגן.
איך אין יעדער שטילקייט זע —
אַ שטורעמווינט פאַרבאָרגן. —

אין מאָכיק גרינעם טאָל
ביים שיין פון לעצטן שטערן
האָב איך דאָס לעצטע מאָל
געקושט זיין בלאַסן שטערן.

וואַרשע 1938'

* * *

ס'האָט שוין אָפּגעװעלקט דער זומער
מיט איבערגעבליבענע גראָזן.
עס װאַלקנט דער הימל אַ בלינדער.
אַ ליכטיקער ביסט גנעקומען
און אָנגעצונדן שקיעות
פֿאַר מײַנע װיעס.
איצט פֿלאַקערן בלעטער אױף בײמער
לױט דײַנע באַפֿעלן געהײמע.

מײַן האַרץ איז געװען פֿאַרשלאָסן.
פֿאַר דער טיר איז אַ שטײן געלעגן.
האָסטו מיך אין חלום באַגעגנט,
די טיר צו דער נאַכט אױפֿגעריסן.
איצט זוך איך אונטער שטערנדיקן שײַן
די גלײַכגילטיקײט פֿון שטײן.

מינוטנווייז רינט אוים דער טאָג

מינוטנווייז רינט אוים דער טאָג.
דו ביסט געקומען מיט מיר זיך געזעגענען.
אָ, פריינט! אין יעדער שטאָט
וועט דיך די איינזאמקייט באַגעגענען
ביים ערשטן ראָג.
און באַנען וועלן קלאַפּן מיט איינטאָניקן געקלאַנג:
ס'טוט באַנג! ס'טוט באַנג! ס'טוט באַנג!
איך ווייס: דיין טרוים
גראַמט זיך מיט א שיין וואָרט: בוים,
איז ער אויך דאָ פאַראַן,
אָט שטייט ער אויף דער וואָר —
דער ווינט קעמט אים פונאַנדער זיינע גרינע האָר
מיט א ווייכן קאַם.
איך ווייס:
דו גייסט
דעם זונאויפגאַנג אַנטקעגן.
אָ, פריינט! ביז דו וועסט אַהינצו קומען,
וועט דיך די פינצטערניש פאַרלויפן אלע אומבאַקאַנטע וועגן,
פאַרוועלקט וועלן שוין האָבן אלע בלומען.
דו וועסט אומקערן צום מזרח דיין געזיכט,
וועט די ערד זיך אויסדרייען צום שטערנדיקן ליכט,
און ס'וועט אויף דיינע ברעמען אַראָפּפאַלן דער שניי.
קאָן זיין,
דו וועסט די לעצטע כוחות קוים
דערשלעפּן צו א ברעג פון ים,
און מיט די נערוון אלע
שלינגען וועסט דעם ריטם פון שפּילנדיקע כוואַליעס,

וואָס וועלן צויבערן און רייצן דיינע אויגן
מיט פארבן פון מיליאָנען רעגנבויגנס,
און וועסט זיך לאָזן לויפן
מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אזוי ווי א קינד,
און וועסט דערזען פון ווייטן
ווי דיין שיף דערטרינקט.
און אומעטום וועט טריט נאָך טריט
באגלייטן דיך מיין אומעטיקער בליק.
וועסטו וועלן קערן זיך צוריק,
וועלן אלע גרענעצן מיט זעלנער זיין באוואכט,
און שאָטנס וועלן לויערן מיט בליי געלאָדנט.
א פינצטערע וועט זיין די נאכט.
און הייזער וועלן שטומען מיט פארהאקטע לאָדנס,
אין דרויסן וועט בלויז בושעווען דער ווינט.

— — — — — — — — — —

נאָר פאָרסטו פאָרט, טאָ פאָר געזונט.
און גלויב מיר נישט: ס'איז אלץ א ליגן.
דאָס האָב איך מיט א כיוון
צו אזעלכע ימען דיך געפירט
אין מזרח צי אין צפון —
כ'וויים אליין נישט ווו —
ווו ס'זעגלען נישט קיין שיפן.
און כ'האָב אליין דעם ווינט צעבלאָזן,
כדי, מיין פריינט,
דו זאָלסט מיך נישט פארלאָזן.

באָברויסק 1941

צעשיידונג

צו וועמען זאָל איך קומען, צו וועמען זאָל איך גיין,
ווען עס וויל זיך אנטלויפן פון זיך אליין?
אָ, דער האָט נישט קיין הארץ, נישט קיין שכל,
וועך ס'האָט אויסגעטראכט דאָס וואָרט: צעשיידונג, —
אזוי האָב איך גערעדט צו דיר שטילערהייט.
און ס'האָבן מיך געגלעט דיינע געזעגענונגס - רייד,
און געציטערט, ווי דאָס אומרויקע ליכט פון דער באן,
און געוואָיעט אין די רעלסן אריין,
ביז זיי זענען אין ווינט און אין ווייטקייט צערינען.
פלוצלינג האָסטו מיך באטראכטן גענומען,
פונקט ווי דו וואָלסט מיך ערשט איצטער דערקענט.
האָבן אין דיינע הענט
מיינע פינגער זיך נעפלאָנטערט אומבאהאָלפן און ווילד.
און אזוי ווי ס'טרינקט אָן זיך מיט פארבן א בילד,
האָב איך איינגעזאַפּט דיין לעצטן, דיין געטרייען בליק
און טראָג אים אין הארץ ווי א היילים גליק.

באָברויסק 1941

יעדן אָוונט

יעדן אָוונט דאַכט זיך מיר:
כ'הער לויפן דײַנע טריט,
און אַן עכאָ לויפט זיי נאָך געשווינד.
עפן איך און אײַלעניש די טיר.
נאָר אַנשטאָט דיר
לויפט אַרײַן דער ווינט.

יעדן אָוונט דאַכט זיך מיר:
איך הער דײַן שטים.
יעדן אָוונט רופסטו מיך בײַם נאָמען.
אויפגעציטערט קוק איך אינעם צימער זיך אַרום.
כ'איז שטיל.
בלויז טונעם האַרץ דעם אייגענעם דאָס קול כ'נעם אויף,
וואָס בעט און רופט
זאָלסט קומען.

יעדן אָוונט דאַכט זיך מיר:
מע קלאַפּט אין שויב,
גיב איך ס'ווײַסע פֿירהענגל אַ פֿאַרהויב,
מאָלן שאָטנס מיר דײַן שוואַרצן קאָפּ.
קילע טראָפּנס פֿײַלעכדיקע קוקן בלאָס
נישט ענלעכע צו דײַנע אויגן.
דאָס קלאַפּט
דער האַרבסטיקער גרויער, רעגן.

יעדן אָוונט נאַרט די פֿינצטערניש אַרויס מיך אויף דער גאַס.
גריסט אַ קרומער בוים מיך מיט אַ צווײַג.

אין אַ טרויעריקן, כמורנעם נויז.
שפּאַר איך אָן דעם קאָפּ אין אים און וואַרט.
אַרום אונז ביידן פליסט די קעגנוואַרט
און גליווערט איין אין קאַלטע רעגנס.
דעם פלאַטער פון די האָר מיינע וואַשט אָפּ דער רעגן.
דער טרוים
פליט אָפּ ווי אַ פאַריאָגטער פויגל אין דער הויך.

נאָר די בענקשאַפט, וואָס איז פאַרוויקלט אַרום האַלדז,
פאַרבלייבט
און שטיקט מיט שוואַרצע קנוילן רויך.

באָברויסק. 1941.

זײַ מיר מוחל

זײַ מיר מוחל, פֿרײַנט,
וואָס איך האָב דיך פֿאַראומט.

כ'האָב געמיינט:
אַזוי ווי דער ליכטיקער טאָג
איז צום אָוונט פֿאַרגאַנגען
און אַ ליכטיקער ווידער געקומען,
אַזוי האָסטו אויך נאָר געענדערט דעם נאָמען.

ווי עס ציט זיך אַ בלאָנדזשענדיקע שיף
צום מאַיאַק איבער ימיקע וועגן,
אײַנגעקוקט אין דעם טרוים וועגן דיר,
כ'בין געגאַנגען דעם צווייטן אַנטקעגן.

דאָס בוך פֿון מײַן לעבן
האָב איך אויפֿגעבלעטערט פֿאַר אים
אַנטקעגן דער זון.
כ'האָב געמיינט, אַז ווי דו
וועט ער לייענען דעם אמת אין קלאַנג פֿון מײַן שטים
און מיך ליבן אַזאַ ווי איך בין.
נאָר דײַן שאָטן — ווײַזט אויס —
וואָס פֿאַרויס איז דעם וועג אונדז פֿאַרגאַנגען,
האָט פֿאַרטונקלט דאָס ליכט פֿונעם וואָרט
און צעטומלט דעם זין פֿון פֿאַרלאַנגען.

ווער עס טרינקט ווײַן מיט טראָפּנס פֿון גאַל,
מוז שווענקען די ליפּן
אין געזאַלצענעם טרעריקן קוואַל. —
זע, מײַן אויג איז מיט שטאָלץ אָנגעזעצט,
כאָטש דאָס פּנים פֿון הונגער פֿאַרמאַטערט.
זײַ מיר מוחל — פֿרײַנט —
וואָס איך האָב דיך פֿאַראומט.

קראַסנאָוואָדסק 1943

אויטאָ־פּאָרטרעט

אין איין מלחמה האָט דער שטורעם פאַראַקערט
פּאָקן־צייכנס אויף מיינע באַקן.
פון אַ צווייטן בלוטיקן געוויטער
ליגט אונטער דער שלייף אַ ציטער.
אין מדבר אָן וואַסער און אָן ברויט
האָט געוועלקט די הויט.
פון ווינט די שניידנדיקע בייטשן
כוואַליען אויף מיין שטערן אין די קנייטשן.
היימלאָזע נעכט האָבן געשלונגען מיין פּנים,
בלייכט עס ווי אַ טרויעריקע לבנה.
די פאַלשע וואָר
האָט צוגערויבט דאָס גאָלד פון מיינע האָר.
פון אַ האַרבסט אָן מיינע פריינט
איז די ברעם פאַרווײנט.
ווייסע פרעסט,
דורשטיקע פרעסט
האָבן געפרירט און געזויגן
דעם טונקעלן פלאַם פון מיינע אויגן.
ביים ברודער־קבר פון מיין דור,
דאָרט
וווּ איין דעם פלאַם פון בראָנזענע מנורות
גליט דער כבוד פון געפאַלענע גיבורים,
און ס'האַלטן וואַך פיגורן — גרויע, שטיינערנע וועכטער,
דאָרט
איז געשטאָרבן מיין געלעכטער —
ווי אַ צוג פון באַליידיקטע געטער
גייען מיר פאַרויס די שטיינער.

* * *

ליבער מיינער!
וואָס זשע קאָן דאָס זיין
וואָס מיט דיר בין איך אַלץ נאָר אַ קינד?
וואָס דו גלייכסט מיך נאָר אַלץ צו אַ פלאַנץ,
וואָס וואַקסט אויס פון אונטערן שניי,
אויפגעצויגן אין ווינט,
אָנגעפּויעט מיט זון? —
ווייזט אויס אַז דערפאַר, ווייל מיין האַרץ איז ריין,
נישט פאַרגאָסן
מיטן גיפט פון דער צייט.
ווייזט אויס אַז דערפאַר, ווייל דער טרוים איז גאַנץ,
אין האַרטע טעג נישט צעשטויסן,
מיט דער נאַכט נישט פאַרווייט,
און ער לויכט דורך מיין געזיכט,
ווי דורך נעפּלען דאָס זוניקע ליכט.

13 יוני 1948

אומעט און פרייד

אַ גרוס

בענקשאַפט, בענקשאַפט, גיי צו איר,
קלאַפּ אָן אין טיר
און זאָג:
דיין שוועסטער בענקט נאָך דיר.

אויב דו קאָנסט זי נישט געפינען,
פרעג די נאַכט, פרעג דעם באַגינען
מיט וועלכן וועג זי איז געקומען.

אויב האָסטו פון זיי זיך נישט דערוווּסט
און בלאָנדזשעסט — אַ דערשראָקן קינד —
פרעג - זשע דעם ווינט,
ער ווייסט וווּ זי איז.

ער האָט געפירט זי דורך אַ ברייטן שליאַך,
אַן אויסגעמאַטערטע און אין גרויע קליידער;
העגט פינצטערע, ווי נאַכט,
אין טורמע האָבן זי געשלײדערט.

איר צוקאָפּנס איז: די קאַלטע וואַנט.
נאָר אין איר אויג אַ גאָלדן פייערל זיך טליעט.
ס'האָט אויסגעקנעטן איר געמיט
אַ דרייסטע פויסט פון שוואַכער האַנט.

בענקשאפט! כ'באפעל! מיט ביין צי מיט גוטן:
ווו זי זאָל נישט זיין,
בייס דורך די קראטן מיט די ציין
און גיב א גרוס איר אָפּ פון גוטען.

1937 ווארשע

טעפּ

ביים דינסטמיידל ציטערט אויף ברעמען - זוים דער שלאָף.
מיט ווייסע לאַפּעס קלאַפּט דער טאָג אין פענצטער.
באַלד וואַקסן טעפּ אויס, שוואַרצע, בלויע, ברוינע טעפּ,
און מיט בלאַנקענדיקע מײַלער — אַלומיניום=בליי=געשפּענסטער.

וואַסער אויסגעשפּיגן, גרייט מיט וואַסער זיך פאַרכלינען,
אייביק דורשטיק — פון קרעדענסן גלאָצן זיי, די טעפּ,
און אויף דער קיך זיי קלאָגן מיט אַ ראָז=פאַרגעפלט אויג.
פאַרמישט דאָס מיידל לאַנגווײַליקע שעהן אין די טעפּ.

זי האָט פאַרגעסן שוין דעם אונטערשיד פון זון =גלאַנץ און פון פייער.
עס לעקן די קאַפּלעס קליינע, ציטערדיקע שקיעות.
וויפל הינט האָבן עס צעפלאַקערט אויפן הימל אזא פייער?
פרעגן אירע בליקן אויסגעריסן פון די וויעס.

פון פראָסטע טעג, ווי טעפּ, זידט אַרויס די וואָך
מיט לויפנדיקן אומרו איבער סקריפּנדיקע טרעפּ,
און אויף דער גאַס אין פרייער אויסגעבענקטער שעה
וויגן, בויגן זיך לאַמטערן - לאָמפּן — לויכטנדיקע טעפּ.

אָוונט. אין אַ בינטל האָר צעשויבערטע ליגט איינגערעמט
דער דרעמלענדיקער קאָפּ אויף אַ ווינקל - ברעג פון טיש.
רייסט אַרויס זיך די לבנה פון אַ וואָלקן - קלעם
און דרוקט אָפּ אויף דער שויב אַ בלאַסן, בלויען קוש.

האַלבע נאַכט. צעשויבערט פלאַטערט אויף אַ בינטל האָר,
און ס'הויבט זיך אויף פאַמעלעך אַ פאַרדראָסיקער דער קאָפּ:
צי איז אַ חלום דאָס געווען, צי אַ וואָר?
זע, עס הענגט איבערן פענצטער אַ זילבערנער טאָפּ.

וואַרשע 1938

דערציערינס*)

דער פּאַרק בליט דופּטיק־גרין, מיט וואַנדער־טריט צערוישט.
א באנק נעמט אונדז אויף הארטער שויס.
פון קינדער - העלפּט־לער פּליען אַפּ די שפּרינגענדיקע באַלעמס,
פּלאַשנדיק די פייגל אויף די ביימער.

הארבסט פּארטרויעט אונדז זיין טרויער,
פרילינגס סמען אונדז מיט זיסקייט,
שאַטנס — הונט געטרייע, טוליען צו די פיס זיך.
שווימט אַ זיפּץ אַדורך צעווישן שורות ווייסע ציין —
כאַפּט אים אויף דער ווינט און שלינגט אים איין.
טראָג־זשע, ווינט, די טרוימען אונדזערע צו אַ פּאַבריק,
וו ס'שמידן שטיינערדיקע טעג דאָס אוּנטיקע גליק.

בליצטער פּלאַפּלען בלעטער־לשון, מיר פארשטייען זייער זין.
ס'לאַכט דורך זיי מיט דינע, גרינע ציין די זון.
אונדזער שטערן וועלקט און קניימשט זיך, ווי אן אַסיענדיקער בלאַט.
וואַלקנדיקע אויגן בלאַנדזשען ערגעץ אין א דעמער־לאַנד,
און דער שמייכל, האלב פארלאָשן, זינקט אין מאַטקייט פון לבנה.
מיר דרייען אין אַ ראָד זיך ווי נאַראָנים,
מיט ווייסע שאַרפן פּלאַטערט אונדזער קלייד,
איינגעשפּאַנט אין פרעמדער פרייד.

קינדערש געלעכטער הילכט אָפּ און צעפליט.
מיר גייען שוין אַהיים מיט שווערע, אומעטיקע טריט.
ס'קלינגט און ווינקט די גאַס אויף אַלע ראָגן.
מיר בווגן צו די קינדער אַן דעם קאָפּ און פארגעסן וואָס צו זאָגן.
אין זיידענע פּאַנטאָפל, מיט א שאָרך פון שטילן רעגן
קריכט דער לאַנגוויל פון די הייזער אונדז אנטקעגן.

וואַרשע 1939

---

*) פּריוואַטע דערציערינס.

קינדער־היים

דורך אָפענע פענצטער, באַלד פון באַגין
מיט פאַרב פון ציטרינען טריפט דאָ די זון.
ס'עס שפּרינגען די שטראַלן ווי קעצלעך אַרום
פון דיל צו די בעטלעך, אַראָפּ און אַרויף,
און די קינדער זיי לאַכן און פּלאַפּלען פון שלאָף.
אין דעם ייִנגל מיט די טונקעלע ברעמען איך זע —
דעם קינפטיקן העלד פון דער רויטער אַרמיי.
דאָ אָטעמט דאָס לעבן רויִק און זיכער.
דאָ פלאַטערט דער שמייכל פון יונגינקע מוטערס.
פאַרנאַכט ליגט די שטילקייט אויף קישנס אַ זאַטע.
מיט ווייסקייט נאָך שורשען די שוועסטערס כאַלאַטן.
פאַרביקע קלעפּערלעך באַמבלען זיך מיד,
צעוויגטע פון קינדערשע הענטלעך, צעשפּילט,
אויף צווייגלעך פון גאַזע, פאַרזשמורעט אין אויג,
דרעמלט דער פּאַפּוגיי פון צעלולויד.
עס בלוט יעדעם בעטל אין האַלב־ליכט פאַרטראַכט.
עס שלאָפן די קינדער. אַ רויִקע נאַכט.

באָברויסק 1941

אומעט און פרייד

צוויי שונאים — אומעט און פרייד
האָבן ביי מיר אין האַרץ זיך געוועט:
ווער וועמען עס באזיגט
באקומט א מתנה — דאָס ליד.

ברענגט דער אומעט מיר שווארצע ידיעות
פון הונגער, פון בלוט און מלחמה
דורך פינצטערע צייטונג - שורות
און שלעפט מיך צו זיך אין די תהומען.

וויקלט אומעט דעם האלז מיר ארום
מיט צען גרויע שנורן פון יאָמער.
ווערט אזוי הילפלאָז מיין שטים,
ווערן ווערטער אין האַלדז איינגעקלאַמערט.

ווערן ווערטער פארקלעמט מיר אין קעל
און פרעסן דאָס הארץ מיר צוזאמען,
און זוכן א וועג
זיך ארויס צו באקומען.

קומט די פרייד מיט א ווארעמען גרוס —
פלעכט א קראנץ פון א זארגלאָז געלעכטער
און ווארפט מיר צו די פיס
די קינדישע פרייד פון מיין העל - זוניק טעכטערל.

ברענגט די פרייד מיר א פרילינג - געזאנג,
קושט מיך די זון אזוי ווארעם.
צעברויזט זיך מיין בלוט,
ווילט זיך מיר נעמען די וועלט אין די אָרעמס.

גלעט מיך די פרייד אזא מילדע,
קלינגט מיר אין אויער אַ זינגעריש ליד.
רוף איך אויס ווי א ווילדע:
פרייד! פרייד! האָסט געזיגט!

1936 ווארשע

אין פעלד

דער הימל איז אין אויסגעפוצטער אין א פלעס,
ווייסע שוואנען — וואלקנדלעך שווימען צו א ברעג,

זיי שטרעקן העלדזער דינע, ליכטיקע צו די האריזאנטן.
וויגט א פעלד מיט זאנגען זיך, אין שטראלן איינגעפלאנטערט.

זוניק זשומען זאנגען, זייטיק אפגעזונדערט,
און נעמען זיך ארום, ווי קליינע העלע קינדער.

פאטשט א פויגל אויס א רוף מיט גיכן, פליגלדיקן חדוה,
פליט אן נאך א פויגל, און זיי פליען זאלבעצוויט.

א וואלד מיט גרין־געקרייזלטע האר שטייט שטיל פארטראכט.
ס'ווינקט צו אים א ווייסער מוייער מיט א רויטן דאך.

און די זון צעווארפט איר גאלד, צעשיט ווי אין א טרוים;
אביסל הענגט שוין אויף א פלויט, אביסל אויף א בוים,

אביסל אויסגעשאטן אויף דער ערד, — די גאנצע לענג,
ווו ס'ליגט א וועג מיט באן - ליניעס, ווי זילבערדיקע שלענג.

מיט רעש און רויש, מיט צעפ פון רויך לויפט אן א באן
און שניידט זיך איינעם ווייטן, רונדן האריזאנט אריין.

1938 ווארשע

ליד

פרילינג איז דעמלט געווען,
דער פארפרוירענער טייך האָט גערירט.
ביסט מיט פארבאָרגענע וועגן
געקומען צו מיר,

פאר אַ בוים זיך פארשטעלט
און הויך פארריסן דעם קאָפּ.
נאָר איך האָב דיך באלד דערקענט
אין גרינעם, צעפלאָכטענעם צאָפּ.

בין איך אין צימער אנטלאָפן,
די טירן פאַרשפּאַרט אויפן ריגל —
האָסטו האלב־מיד, האלב־דערשראָקן
געשמייכלט צו מיר פון שפּיגל.

האָב איך דעם שפּיגל צעברעקלט,
די גלאנציקע פּיצלעך באטראכט:
אין פארביקע שטראלן פון גלעזלעך
דו לאכסט און דו לאכסט.

בין איך פון צימער ארויס,
האָסטו שמייל מיט דער זון געשפּרייזט.
פאַרנאַכט אין שאָטן פון הויז
דו ליגסט אין גראָז און וויינסט.

האָסט זיך אָנגעהאָנגען מיר אויף די הענט
און שיכור די פינגער געבריט,
ביז איך האָב דיך פארטאָג דערקענט
אין אַן אָנגעשריבן ליד.

דער בוים

הינטער מיין פענצטער דער בוים
דארט אַף מיט פאַרקילטע צווייגן,
די בלעטער פאַלן אין שטויב,
ווי פאַרוואונדעטע פייגל.

וואָס אַרט דאָס דען מיין טרוים?
וואָס ווייַנט מיין האַרץ אין דער שטיל? —
כ'בין אויך אַ האַרבסטיקער בוים,
נאָר מיין זומער האָב איך פאַרשפּילט.

1947

קעגן זיך אַליין

כ׳האָב געזינדיקט
קעגן זיך אַליין,
קעגן האָרץ — דעם פאַרבאָרגענעם היכל,
קעגן אייגענעם שכל.
באַהאַלט זיך די זינד
הינטער אַ פֿוירהאַנג פֿון טרערן.
שטיל איז דאָס געוויין,
דורכזיכטיק זייגען די טרערן.
שלייכט זיך די זינד פֿון די אויגן אַרויס
און גליווערט איין אין אַ בילד אויפֿן שטערן.
דערקענען באַלד אַלע די זינד,
וואָס ליגט אויסגעקריצט ווי אַן אות —
אויפֿן שטערן,
דערקענען די זינדיקע רויז,
וואָס ברענט
אַרום מיין מויל
און אויף די ליפּן.
דוכט זיך מיר אוים:
אַלע שפּעטן פֿון מיר,
אַלע שפּאַסן,
אַפֿילו אַ קינד
דערקענט מיין פֿאַרענדערט קול.
עס קוקן מיך אָן פֿאַרבייגייער אויף די גאַסן;
זייער בליק שריים:
וויי! וויי!
האָסט געזינדיקט
קעגן זיך אַליין.

פֿאַרפֿרילינג

אַ טשערעדע וואָלקנס באַפֿאַלן דעם הימל
אַזוי ווי אין האַרבסט.
דער אומעט קריכט באַרוועס אַרום
אויף פֿייכטלעכער ערד פֿון אַפּריל.
און אין מיר פֿליסט דער טרויער פֿון קאָפּ ביז די נעגל,
פֿליסט אַזוי שטיל.
נאָך וואַנדערערס טריט בענקען וועגן
און ציען אויס סטעזשקעס — הענט שוואַרצע, ווי בעטלער.
דער נאַקעטער בוים טויעט אויף פֿון זיין חלום;
אין פֿאַלן פֿון רעגן
דערהערט ער דאָס רוישן פֿון בלעטער.
ביינאַכט שפּרינגט אַ שטיקל לבֿנה,
ווי קוועקזילבער, אויף מיין קישן.
מיט אָפֿענע אויגן איך חלום:
ס'האָט טאָג זיך אין נאַכט איינגעביסן
מיט שטראַלן — גינגאָלדענע זעגן —
און מאָלט מיט אַ פּענדזל אַ בלויען
די דעכער, די שויבן, דעם טונקעלן מויער.
נאָר מיר איז אַלץ באַנג נאָך, אַלץ באַנג:
כ'האָב צו לאַנג געוואַרט.
ס'קאָן די פֿרייד נישט דערפֿרייען.
איך זע אין די פֿלאַמען פֿון מאָרגן
דאָס בלוט פֿון אַ זון־אונטערגאַנג.

פרילינג

פרילינג האָט די ערד אדורכגעביסן
מיט ליכטיק - שאַרפע ציין.
פון הארטע קנאָספּן שפּראָצט דער לעבנסזאַפט
אין מידן האַרץ אריין.
נאַרוואָנדערט קוקט זיך אום דער בוים מיט גרינע אויגן.
דאָס שווארצע לייב פון פעלד וואַרט אויפן בלאַנקן אַקער.
גרויע, קאַלטע, שטיינערדיקע שטעט
לאָזן גלעטן זיך
פון ווייכע ווינטן —
פרילינגדיקע הענט.
דורך פענצטער רופט אין גאַס ארויס די זון —
א רויטע פאָן.
פריי און פרייער סקריפּען אַלע טירן.
בוימער טונקען איין די הענט אין פאַרב פון ציגל.
קינדער צייכענען א קלאָס מיט רייטלעך פון שטראַלן.
פרויען שווענקען אויס די האָר אין לופטיק־בלויע קוואַלן.
משאַטעס פייגל אין די וואָלקנס שנירלען זיך און וויגן —
וויגט דער בליק מיט זיי זיך מיט, געבונדן צו די פליגל.

דער ערשטער אַפּרו־טאָג אין וואַלד

איך האָב מיט די סאָסנעס אָפּגעשמועסט
זיי זאָלן צו מיר גאָרנישט ריידן.
איידער איך נעם אויף זייער שפּראַך, די גרינע,
וויל איך זיך פריער צעשיידן
מיט דער ציִשעריי פון פיינטלעכע צונגען —
מיט די טונקעלע רייד,
דערהערטע אַמאָל אין אַ פאַרשאָלטענער שעה;
איצט שפּרינגען זיי מיר נאָך כסדר
ווי זשאַבעס פון זומפּען ארויס.
איך נאָר זיי ארויס פון דעם זוגיקן הויז,
איך שאַר זיי אָפּ מיט עקל פון די קליידער —
זאָלן זיי גאָר נישט דערגרייכן
מיין טרוים, דעם טרוים
וואָס האַלט מיין שטערן פריי און הויך.

* * *

די נאָדלביימער האָבן מיך געהאָרכט,
גישט געשטאָכן מיין האַרץ מיט קיין שאָרד.
ס'איז גוט געווען אזוי צו שווייגן,
מיט צוגעלענטע וויעס זעגלען צו די וואָלקנס
אין אַ שטראַליקן וואָגן.
דער הימל האָט געטריפט פון די צווייגן —
ס'איז גוט געווען אזוי צו שווייגן.
גרינע ביימער האָבן מיך אהיים געפירט,
די זון האָט מיר די אקסלען געוואַרעמט,
אונטער מיינע ברעמען געלאַכט,
אַ שמעטערלינג מיט טונקעלע פליגל
האָט מיר די אויגן פאַרמאַכט.

דעמלט האָט דער וואַלד זיך צערוישט,
מיט ווינטן גערעדט,
גישט גערוט,
עס האָבן דאָרט שדים געשפּילט,
עס האָבן מלאכים געקריעכצט.

אינדערפרי

ווען איך האָב נאָך דעם קאָפּ אויפגעהויבן
האָבן מיר די ביימער דערציילט:
פון די סודות,
וואָס זיי האָבן פון מיין שווייגן אַרויסגעלייענט
האָבן זיי אַ גאַנצע נאַכט געשווידערט,
געוויינט.
אַ סימן: די טרערן אויף די פענצטער־שויבן.

סוף.

אינהאלט:

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — 3

דער אַפּגרונט רופט

א בריוו צום טאַטן — — — — — — 5
וואָגל-ליד — — — — — — — — 8
ווי א היימלאָזער הונט — — — — — 9
הענג נישט אויף קיין גאַרדינען — — — 11
צו א פריינט — — — — — — — 12
אויפן פרייען פעלד — — — — — — 14
ווען ערגעץ וואָלט א גאָט געווען — — — 15
מיין טויטע מאַמע — — — — — — 16
אין דער נאַכט פון סילוועסטער — — — 18
שוועסטער דערשראָקענע — — — — — 20
אין אַ הויז אויפן בוידעם — — — — 22
געטאָ-לעגענדע — — — — — — — 24
דריי פריינט — — — — — — — 26
פאַרנאַכט אין געטאָ — — — — — — 28
האַרבסט — — — — — — — — 29
האַרבסטיקע בלעטער — — — — — 30
ס'איז דער שטורעם דאָ אַדורכגעגאַנגען — 32
ווי לאַנג וועט דאָס בייז נאָך געדויערן — 34
רו — — — — — — — — — 35
אונדזער האַרץ האָט אין די קוואַלן פון טרערן 36
ברודער פון יענער זייט אָקעאַן! — — — 38
מיין מאַמע האָט א ליד געזונגען — — — 39
דער וואַלד פון די קדושים — — — — 41
כ'וואָלט אוועק אין דער ווייט — — — 43
אין חודש אַפּריל — — — — — — 44

##ביים ברעג פון ים

מיר בויערן אַ קוואַל פון נאַפט — — — 45
ביים ברעג פון ים — — — — — — 46

אין פיבער — — — — — — — — — — 48
אונדזער שטוב שטייט אויף א באַרג — — — 49

מינוטנווייז רינט אויס דער טאָג

בענקשאַפט — — — — — — — — — 51
ליבע — — — — — — — — — 52
אין מאָכיק גרינעם טאָל — — — — — — 53
* * * — — — — — — — — — 54
מינוטנווייז רינט אויס דער טאָג — — — — 55
צעשיידונג — — — — — — — — — 57
יעדן אָוונט — — — — — — — — 58
זיי מיר מוחל — — — — — — — — 60
אויטאָ־פּאָרטרעט — — — — — — — 61

אומעט און פרייד

אַ גרוס — — — — — — — — — 63
טעפּ — — — — — — — — — — 65
דער ציערינס — — — — — — — — 66
קינדערהיים — — — — — — — — 67
אומעט און פרייד — — — — — — — 68
אין פעלד — — — — — — — — — 69
דער בוים — — — — — — — — — 70
ליד — — — — — — — — — — 71
קענען זיך אַליין — — — — — — — 72
פאַרפרילינג — — — — — — — — 73
פרילינג — — — — — — — — — 74
דער ערשטער אַפּרו־טאָג אין וואַלד — — — 75

ביכער דערשינענע אין פֿאַרלאַג:

1) ״מלכות געטאָ״ – באָוועלן פֿון ישעיהו שפּיגל.

2) „דער מענטש וועט גוט זײַן״ — משלים פֿון ל. אָליצקי.

3) „מיט אַש אויבן קאָפּ״ — לידער פֿון א. זאַק.

4) „אויף די חורבות״ – פּאָעמע פֿון ח. גראַדע.

5) „אַ בוים אין ווינט״ — דערציילונגען פֿון י. אָקרוטני.

6) „מלך שאול״ — ביבלישע טראַגעדיע פֿון י. אַשענדאָרף.

7) „ייִדן אָן געלע לאַטעס״ — סקיצן פֿון ה. סמאָליאַר.

9) „דער אָפּגרונט רופֿט״ — לידער פֿון גוטע גוטערמאַן.

8) „אַ ייִד צווישן פֿײַערס״ — פּיעסע פֿון ש. דיאַמאַנט.

ר ע ד אַ ק צ י ע פֿ ו ן פֿ אַ ר ל אַ ג:

ל. אָליצקי, ד. ספֿאַרד

Drukarnia R.S.W. „Prasa"
Łódź, Narutowicza 32.

D-030602